STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 01364

HEYMLOZE TEG

A. Shaban

Permanent preservation of this book was made possible
by Adele Towbin
in honor of
Cyla Gurewicz

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation

AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

א. שאַבאַן

פאַרלאַג „ביכער-וועלט"
וואַרשע – יאָהאַנעסבורג

Copyright by A. Shaban, Johannesburg.

A. SHABAN

„Homeless Days"	*	„Halmloze Teg"
Publishing House		Wydawnictwo
„Bycher-Welt"		„Bycher-Welt"
Johannesburg	1934	Warszawa

Printed in Poland



אבא שאַבאַן

געווידמעט דעם הימלאַן
קינד

Druk. „GRAFJA" Warszawa, Nowolipki 7.

אינהאלט:

		זייט
	אַ פּאָר ווערטער — נחמן מייזל	3
I	אין דער אַלטער היים	13
II	אין אַן אוקראַיניש שטעטל	28
III	ווייט אין דער פרעמד	39
IV	אין געראַנגל	65
V	צוריק אַהיים	84
VI	אויף די חורבות פון שטעטל	90

צייכנונגען:

וואַריוּשע אין קיך	13
אין דער אַלטער היים	21
ווייט אין דער פרעמד	43
לויף, לויף, זשידאָטשעק אַהיים!	63
אויף די חורבות פון שטעטל	91
אין שוּלכל	123
יידן לייענען די בלעטלעך	141

אַ פּאָר ווערטער

עס וועט שוין צוואַנציק יאָר, זינט עס איז אויסגעבראָכן די וועלט־מלחמה, און עס איז שוין איבער פופצן יאָר, ווי דער וועלט־קריג האָט זיך געענדיקט, אָבער די חורבונות, וואָס די מלחמה האָט אָנגעמאַכט אין לעבן, אין דער וועלט, בכלל און פּרט, קאָנען נאָך אַלץ נישט אויפגעשטעלט ווערן, פאַרריכט ווערן. פאַר אָט דער צייט האָט דער מענטשלעכער גייסט אויף פאַרשידענע אופנים געפּרווט אויפצונעמען און פאַרפיקסירן אַל דאָס בייז, וואָס יענע גרויזאַמע צייט האָט געבראַכט מיט זיך. אָפטמאָל ווייזט זיך אונז אויס, אַז אַלץ, וואָס מען האָט שוין דאָ געקאָנט זאָגן, איז שוין געזאָגט געוואָרן, — און וואָס קאָן מען דאָ נאָך עפּעס נייס צוגעבן? צייטנווייז אָבער קומט מען צום אויספיר, אַז ניין, — מען האָט נאָך אַלץ נישט באַוויזן אויפצורודערן דאָס אַמאָליקע מלחמה־לעבן אין זיין גאַנצן ברייט און טיף, און נאָך נישט אויסדערציילט דאָס אַלץ, וואָס די מלחמה האָט מיט זיך מיטגעבראַכט. ווייל דער קריג האָט זיך נאָך אייגנטלעך נישט געענדיקט, זיין ווירקונג לאָזט זיך נאָך פילן אויך איצט גאַנץ שטאַרק. די ווונדן האָבן זיך נאָך ווייט־ווייט נישט פאַרהיילט, און זיי וועלן זיך נאָך אַזוי גיך נישט פאַרהיילט ווערן.

עריך מאַריא רעמאַרק האָט מיט עטלעכע יאָר צוריק אַזוי דערקלערט, הלמאַי

ער האָט זיך ערשט איבער צען יאָר נאָכן פאַרענדיקן זיך פונם קריג גענומען שרייבן זיינע ערינערונגען: „דער בעסטער באַוויז — האָט ער געזאָגט — אַז דער יחיד, דער איינצעלנער מענטש האָט נאָך ביז איצט נישט בייגעקומען די איבערלעבונגען פונם קריג, איז דאָס, וואָס אין פאַרלויף פון כמעט צען יאָר האָט קיינער אַפילו נישט געוואָלט הערן דערפון. מען האָט נישט געקאָנט און נישט געוואָלט הערן דערפון. מען האָט נישט געקאָנט און נישט געוואָלט שרייבן וועגן דער מלחמה. מען האָט דעם קריג באַהאַנדלט אין פּאָליטישע דיסקוסיעס. מען האָט אים פאַרמשפט אָדער פאַרהייליקט. אָבער די פּערזענלעכע איבערלעבונג פון דעם קריג האָט דער יונגער מענטש פון אונזער דור ווייט נישט גובר געווען, נישט באַזיגט. די פּערזענלעכע איבערלעבונג האָט אין אים ווייטער געווירקט, געדריקט אים, ווי אַ בייזער חלום, אַרויסגערופן אַ צושטאַנד פון אומרו, צווייפל, האַרטקייט און וואַקלדיקע צעלאָזנקייט. דער שאָטן פון קריג איז געהאַנגען איבער אונז, און דווקא דאַן, ווען מיר האָבן וועגן דעם אַפילו נישט געטראַכט.” „דאָס בעסטע מיטל — האָט רעמאַרק ווייטער געשריבן — צו באַפרייען זיך פון אַזאַ מין צושטאַנד איז — באַשרייבן עס, איבערלעבן עס פונדאָסניי. דאָס האָבן באַשטעטיקט אין זייערע בריוו צו מיר אַ סך מענטשן פון מיין עלטער. זיי אַלע האָבן אַרויסגעפילט פון דעם בוך נישט קיין פּעסימיזם, דערשלאָגנקייט, נאָר — אדרבא — באַפרייונג.”

ווען איך האָב געלייענט די אינטימע, צאַפּלדיקע בלעטלעך פון א. שאַבאַנס „הימלאָזע טעג”, האָב איך געשפּירט דעם ווילן פון דעם מחבר דורך דעם דערציילן זיינע פּערזענלעכע איבערלעבענישן זיך צו באַפרייען פון זיי. די יסורים, פּיין, די אַלערליי באַליידיקונגען, וואָס אָט דאָס יונג ייִנגל פון „די הימלאָזע טעג”, האָט געליטן אין די אַלע שווערע יאָרן פון אַרומוואַנדערן, אַרומשלעפּן זיך פון זיין היים איבער דער וועלט, ביז זיין צוריקקומען אויף די חורבות פון זיין שטעטל, — אָט די אַלע שווערע איבערלעבענישן האָבן געדריקט די נשמה, דאָס געמיט אויך יאָרן און יאָרן שפּעטער, — און עס איז געווען די נויט

וועגדיקייט צו באַפרייען זיך פון זיי — דורך באַשרייבן זיי. דער מחבר וויל גאָרנישט פאַרהוילן, ער געפינט נישט פאַר נויטיק צו באַפוצן די איבערלעבענישן, — אדרבא: וואָס־האַרבער ער וועט זיי איצט שילדערן, אַלץ־גרינגער וועט ווערן אויפן האַרצן. עס ווילט זיך פון זיי זיך אָפּשאָקלען, ווי מען שאָקלט זיך אָפּ פון אַ בייזן חלום.

א. שאַבאַנס העלד איז אויפן קריגס־פראָנט נישט געווען. ווען די מלחמה האָט אויסגעבראָכן, איז ער נאָך געווען אַ קליין קינד. דערפאַר אָבער האָט ער געליטן פון דעם ספּעציעל־יידישן קריגס־פראָנט. זיין ליטוויש שטעטל איז געלעגן האַרט ביי דער דייטשער גרענעץ, און שוין אין די ערשטע טעג פון קריג, האָבן די אַלע שטעטלדיקע יידן געמוזט עוקר־זיין פון זייער היים, פאַרלאָזן גיך זייער שטוב, זייער גאַנצן האָב־און־גוטס, און לאָזן זיך וואַנדערן. אין די ערשטע עסלעכע זייטלעך פון דעם בוך גיט אונז איבער א. שאַבאַן די ערשטע בלאַסע קינדער־עריגערונגען. עס איז אָרעם און רויק און געמיטלעך, דאָס לעבן גייט זיך פּאַמעלעך זיין נאָרמאַלן גאַנג, און קיינער אַנט גאָרנישט, אַז אָט־אָט קומט אַ ווילדער שטורם און וועט אַלץ מיט אַלעמען אַראָפּטראָגן און פאַרשליידערן. עס איז רירנד דורך א. שאַבאַן געשילדערט דאָס אידילישע לעבן פון דער אַלטער היים מיט דעם בעל־הביתישן לעבנס־שטייגער פון דער פאַרמעגלעכער שטוב. אין איינצלנע קאַרגע און קורצע שטריכן האָבן מיר אַ באַגריף וועגן דעם שטיל־לעבן, וואָס האָט געהערשט אין שטעטל. און אָט קומען אָן רייטערס, די ערשטע אָנזאָגער פון קריג, און עס טוט זיך מיטאַמאָל אַ ווילדער געדריי. שוין דאַרף מען זיך פּאַקן, און גלייך שלעפּט מען זיך אַוועק מיט האַק־און־פּאַק ערגעץ אין ווייטע ווייטקייטן. די קינדער נעמען עס אויף לכתחילה ווי אַ שפּילכל, עס געפעלט זיי דאָס שלעפּן זיך אויף פורן, און זיי אַנען נישט, אַז עס הויבט זיך אָן פאַר זיי אַ פּיינפול און שווער לעבן. שפּעטער פאַלן זיי אַריין אין „שטיבלעך" אַזעלכע, אין דער באַן, און זיי קומען אָן אין אַ פרעמדער אוקראַאינישער שטאָט. דאָס לעבן ווערט אַלץ־גרוילזאַמער. די היימלאָזע יידן

ווערן געשיקט אלץ־ווייטער און ווייטער. די יידן ליידן נויט, דחקות, דערנידערונגען. „אן עדה מענטשן — דערציילט א. שאבאן — האבן אין יענער נאכט (ווען מען איז געקומען אין דער ווייטער וואלגע־שטאט!) פארקערפערט די ליידן פון מיליאנען הילפסלאזע און ליידנדיקע, באדנלאזע און אומשולדיקע, וואס האבן אויף זייערע פלייצעס געפילט די זינד פון די ברוטאלע הערשער, דעם ווילדן שפיל פון די איבערגעזעטיקטע מאגנאטן"...

אין אט די נייע פרעמדע היימען, אין די הינטער־גאסן ציט זיך דאס פינסטערע, טראגישע לעבן פון די היימלאזע יידן. די קינדער, וועלכע זענען ארויסגעריסן געווארן פון זייערע ווארעמע היימען, פון זייערע געמיטלעכע הייזער, הויבן אן זיך צו באגעגענען דא מיט דער הארבער ווירקלעכקייט פנים־אל־פנים. די עלטערע מענטשן כאפן קלעפ נאך קלעפ פון דער אכזריותדיקער צייט, זיי נעמען־אויף דאס געשעענע מיט דער גאנצער שווערקייט. די יינגערע — זענען מיטאמאל נישט תופס דאס, וואס ס'קומט פאר ארום. דערפאר אבער שניידן זיך ארייין די טרויעריקע געשעענישן מיט מער שארפקייט אין זייערע יונגע גופים. א. שאבאן דערציילט אויס דאס אלץ, װאס די יונגעטשקע נשמה פון זיין הויפט־העלד האט אין זיך איינגעזאפט פון דעם טרויעריקן ארום. און פיל יארן נאך דעם אלעמען, ווען ער דערמאנט זיך נאר, גייט אדורך א שווידער איבער זיין לייב. „די וואגלעניש האט אויף מיר ארויפגעלייגט א שווערן שטעמפל", — דערציילט ער. ער שילדערט פאר אונז די אלע קויטיקע, מיאוסע ערטער, ווו אים איז אויסגעקומען ארומצוקריכן, כדי צו זוכן עפעס א לעק, א שטיקל גאש. די נויט האט געטריבן צו פלערליי מיאוסע טאטן. די קינדער זענען געווארן פארווילדערט, זיי האבן אנגעווירן יעדע ווירדע, זיי זענען געווארן אוממאראליש. א. שאבאן שרייבט: „ווען כ'קלער היינט וועגן די דעמאלטיקע קינדער־יארן, זע איך א לאנגע שנור פון טעג, וואס זעען אויס ווי גליטשיקע טרעפ, באפלעקט פון אנאניזם און פון אויסגעהויכטן אימפולסיוון קינדערשן אטעם, וואס ציטערט מיך אויף און שקרובלט מיך צונויף".

אין שטוב איז כמורנע, לאנגווייליק, מען זעט בסדר טרערן, מען הערט

דורבוים זיפצן. עס טרייבט אין גאס, ווו עס זענען דאך דא אנדערע איינדרוקן. דער מיסטקאסטן, דער מיסטגרובן ציט דאס אומגליקלעכע קינד פון שטוב ארויס. אין בוך זענען געגעבן שרעקעוודיקע בילדער, ווי די יונגע קינדער שפּיזן זיך פון דעם מיסטקאסטן.

אין צארטע, הארציקע שטריכן שילדערט דער מחבר פאר אונז די מאמע, די יידישע מאמע. דער שווערער גורל פארטרייבט זי מיט אירע קינדער אליין אן דעם מאן. דער מאן, צוליב עפעס א בלבול, ווערט פארשיקט אין וויטן סיביר, און די ארעמע מוטער טראגט אליין דעם שווערן יאך, ראנגלט זיך מיט די לעצטע כוחות צו זעטיקן דעם הונגער פון אירע קינדער און אנ- צוווארעמען אין די לאנגע ווינטער-חדשים זייערע אויסגעמאגערטע גופימלעך. די אלע ערטער, ווו א. שאבאן דערציילט וועגן דעם, לייענען זיך מיט ציטער און ווייטיק. די מוטער טראגט אלץ הערואיש אריבער, עס טליעט נאך אלץ ביי איר די האפנונג, אז אט-אט, און דער פאטער וועט צוריקקומען פון דעם קאלטן סיביר. דאס גיט איר כוחות אויסצוהאלטן די ביטערע צייטן. אבער אויך אט די איינציקע האפנונג ווערט צערונען. דער פאטער שטארבט אין סיביר, איידער ער באוויזט צוריקצוקומען. און איר צווייפל האט גאר קיין ברעג נישט.

ביגו-לביגו ווערט געענדיקט דער קריג. עס ברעכט אויס די רעוואלוציע. אין דער ווייטער, פרעמדער וואלגע-שטאט נעמט מען אויף די רעוואלוציע גאר אויף אן אייגנארטיקן אופן. עס הויבט זיך אן דער שווערער בירגער-קריג. רעווא- לוציע און בירגער-קריג מישן זיך אויס. שווער צו וויסן, ווו ענדיקט זיך איינס, און ווו הויבט זיך אן דאס צווייטע. אט די אלע בלעטלעך זענען זייער אינטע- רעסאנט, זיי זענען ניי אין דער יידישער ליטעראטור. די עלטערע ברידער פון דעם, פון וועמענס נאמען עס ווערט געפירט די דערציילונג, ווערן אריינגע- צויגן אין דער ארטיקער מיליץ. דאס הארץ הויבט זיך אן צו פרייען, עס ווערט אנגעפילט מיט מוט און מיט האפנונג. און גלייך — טוט ווידער א ווילדער געדריי, און דאס לעבן נעמט ווידער אן א העסלעכן אויסזען. ווידער

שחיטות, ווידער ברידער־קאַמף, ווידער גוואַלדטאַטן. עס גיסט זיך ווידער בלוט, און עס שרייט ווידער די ערד און בעט הילף. עס וואַקסט נאָך מער שרעק, פּיין, אומזין, און „יעדער מענטש — אַ פולע וועלט מיט זאָרגן, און יעדע זאָרג — אַ כמורנער וואָלקן, אָנגעזאַפּט מיט שווערן רעגן, אויסצוברעכן אין אַ גוס, אין אַ גוס...״

„אייביק וועל איך דעם איינדרוק נישט פאַרגעסן״, — זאָגט א. שאַבאַן אין זיין בוך. און דאָס פילט זיך אין די אַלע שילדערונגען, וואָס קומען אין די „היימלאָזע טעג״. דער מחבר דערציילט ערטערווייז רויק, אָפטמאָל מיט ביטערער איראָניע. און אָפטמאָל אָבער קאָן ער זיך שוין מער נישט איינהאַלטן און ער ברעכט אויס אין אַ געשריי, אין אַן אַלאַרם.

אין בוך ווערן בעיקר אַרויסגעבראַכט די היימלאָזע קינדער, וואָס האָבן אַדורכגעמאַכט דעם גרויזאַמען מאַרש פון זייער שטעטל אין דער ווייטער פרעמד, און דערנאָך — דער שרעקלעכער צוריקוועגס—פון דער פרעמד צו דער איי־גענער אַלטער היים. אין די עטלעכע יאָר האָבן זיי אַדורכגעמאַכט די אַלע שבעה־מדורי־גהינום. דאָס אַלץ ווערט דערציילט מיט מאָדנער אויפריכטיקייט, נישט באַ־פאַרבט, נישט באַפּוצט.

א. שאַבאַן הויבט אויך אויף דרייסט דעם פאָרהאַנג פאַר אַזעלכע איבערלעבענישן און פאַסירונגען, וואָס מען באַמיט זיך אָפט צו באַהאַלטן. א. שאַבאַן שילדערט פיל מאָמענטן פון אומנאָרמאַלע געשלעכטלעכע באַ־ציונגען צווישן יינגל און יינגל, און יינגל און מיידל. אָט די בלעטלעך זענען אינטערעסאַנט און באַלערנד.

לסוף קומט מען צוריק אין דעם היימישן שטעטל, און מען טרעפט עס איינגאַנצן אין חורבות. נאָך אַן אילוזיע ווערט צערונען. דאָס גאַנצע שטעטל איז איין גרויסע מצבה, די מענטשן דרייען זיך דאָ אַרום ווי שאָטנס. און דער־ווייל וואַקסט דאָס יינגל. „די יאָרן האָבן אים אויסגעצויגן אין אַ לאַנגן מענטשן, אָנגעשטאָפּט מיט ליידן, מיט הונגער״...

„די איבערלעבענישן זענען פֿארבליבן פֿריש אין זכּרון, ווי אייטערדיקע וווּנדן“ — זאָגט דער העלד אויף די לעצטע זייטלעך פֿון בוך.

און אויך איצט, צוואַנציק יאָר נאָכן אויסברעכן פֿון דער וועלט־מלחמה, און איבער פֿופֿצן יאָר נאָך דעם שליסן פֿונם וועלט־שלום — אויך איצט זענען אַט די אַלע שילדערונגען פֿון יענער גרויזאַמער צייט — ווי אייטערנדיקע וווּנדן.

מען קאָן זיי מיט אַ רויק געמיט נישט לייענען!

נחמן מייזיל

I

אין דער אלטער היים

אין שטוב איז קיינער נישט געווען, נאָר איך מיט וואַריושען. דער הענגלאָמפּ איז געווען אַראָפּגעדרייט ביז צום שפּיץ קנויט, דאָס העלע פּייערל האָט געזשיפּעט און קוים באַלויכטן די שטוב. עס האָט געשמעקט מיט פרישן ראַזעווען ברויט. פון אויוון האָט געשלאָגן אַ וואַרעמער ריח פון בולוועס קוגל און געמאַכט מיך דרעמלען.

וואַריושע, אונזער דינסט, האָט זיך געבעטן ביי מיר, איך זאָל זיך אָפּטשעפּען פון איר, איך זאָל איר אויפהערן צו נאָגן — באַלד וועט זי מיך לייגן שלאָפן.

זי האָט געוואַשן דעם אָוונט-ברויטיקן געפעס פאַרן שיין פון דעם קליינעם לעמפּל. אין קיך זענען געווען אָנגעוואָרפן שטיקלעך אָפּגעביסענע ברויט, אָפּגעסמאָטשקעטע ביינער און בלעדליי אָפּפאַל פון דעם אָוונט ברויט.

אין ווינקל איז געשטאַנען דער „צעבער" מיט איינזייע-רעכץ פאַר די בהמות, אין אַ צווייטן ווינקל — די הילצערנע

„דאָניצע", בײ דער װאַנט — אַ קלײן אַלמערל, און איבער אים — אַ גרױסע פּאָליצע. אָנגעשטעקט מיט רײנעם געפּעס, מיט זײערס און זײערלעך — סימנים פון באַלעבאַטישקײט.

— דערלאַנג מיר די טעלער — האָט װאַריושע געבעטן — ס'װעט גיכער װערן. נאָכהער װעל איך דיר געבן גוטע זאַכן, און איכ'ל דיך לײגן שלאָפן!

איך האָב איר אונטערגעטראָגן די טעלער, און יעדעס מאָל געשלעפּט זי פאַרן פאַרטוך און געװײנט... אַז זי האָט אַראָפּגעדרײט דאָס לעמפּל, בין איך שטיל געװאָרן, כ'האָב פאַר־שטאַנען, אַז זי איז שױן פאַרטיק מיט איר אַרבעט און איצט װעט זי מיך לײגן שלאָפן. זי איז אױף גיך דורכגעלאָפן די שטוב, אַרױסגעקוקט דורכן פענצטער, נאָכהער האָט זי מיך אָנ־גענומען פאַר אַ הענטל און אַרײנגעפירט צו זיך אין צימער.

— איך דיר באַלד געבן גוטע זאַכן. דו אַ גוט ייִנגעלע, דו מיר מאָרגן אױך העלפן װאַשן די טעלער?

כ'האָב צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ אױף „יאָ", און שױן גע־װאָלט זען, װאָס װאַריושע װעט מיר געבן. זי האָט מיך אױס־געטאָן, און אַ נאַקעטן אַרײנגענומען צו זיך אין בעט. אַ מאַטער פּאַס ליכט האָט זיך דורכגעריסן דורכן שמאָלן שפּאַלט פון קיך־טיר. זי האָט פאַרהױבן איר ברײט קלײד ביז די ברוסטן און אַרײנגעקײקלט מיך צװישן אירע ברײט - פונאַנדערגעשפּרײטע פיס. זי האָט מיך געהױבן רײטענדיק בײ איר אױף אַ פוס, נאָכהער האָט זי געפּרוװט פאַרײניקן אונזער בײדנס געשלעכטער. איך בין דאַן אינגאַנצן אַלט געװען אַ יאָר זיבן. זי האָט מיך געטרײסלט, געטאָרקעט ביז טרערן.

פּלוצים איז זי רױיק געװאָרן. זי האָט מיך אַרױפגע־הױבן העכער. מײנע פיסלעך האָט זי צוזאַמענגעקװעטשט צװישן

װאַריושע אין קיך

אירע פּיס, און מיין קאָפּ איינגעטוליעט צווישן אירע תּעפּטיקע ברוסטן.

פון איר פּנים און פון גאַנצן קערפּער האָט געשלאָגן אַ וואַרעמקייט.

* * *

ווּאַריוּשע איז געווען אַ פּולבלוטיקע ליטווישע טאָכטער. איר טאַטע האָט געדינט ביי אונז אַלס „אָרדינאַרטשיק". וואַריוּשע האָט איינגעזאַפּט אין זיך די פרייקייט פון פעלד, און אַלס קינד נאָך, האָט זי אָנגעהויבן צו דינען אין יידישע הייזער. מיינע עלטערע ברידער און שוועסטער — אַלע זענען אויסגעוואַקסן אויף אירע הענט. זי האָט געקענט גוט אַלע יידישע תּפילות. אינדערפרי פלעגט זי זאָגן מיט מיר — „מודה אני", בענטשן ציצית און מאַכן אַ ברכה פאַרן עסן. פאַרן עסן פלעגט זי מיר אָפּוואַשן די הענטלעך און ביי אָפּרייבן זיי מיטן האַנטוך, פלעגט זי שטענדיק איבערחזרן „אַ גוי עסט אומגעוואַשן"...

מיין זיידע פלעגט אַלעמאָל זאָגן וועגן איר:

— די ערלטע איז ווערט כּל ממון אין דער וועלט!

אין שטוב האָבן אַלע גערעדט מיט מיר יידיש, נאָר אַז די עלטערן האָבן געוואָלט עפּעס אויסבאַהאַלטן פון דעם קליינוואַרג, פלעגן זיי דורכגנבענען אַ ליטוויש וואָרט. אויך וואַריוּשע האָט גערעדט צו מיר יידיש. זי פלעגט מיר אַפילו פירן אין שול אַריין. און יידישע דינים האָט זי געוווּסט ווי אַן אייגענעאיך געדענק, ווי די מאַמע פלעגט זאָגן:

— מ'קען זיך אויף איר פאַרלאָזן, ווי אויף זיך אַליין!

װאַריושע האָט גוט געװוסט, װען אַן עוף איז כשר און װען טרייף. פאַר אַ טריפה עוף פלעגט זי אויסבאַלעכן אַלע בייזע חלומות צום פאַרקויפער. זי האָט געדינט געטריי. נישט איינמאָל האָט זי מיך געבוכטשעט, געשלאָגן פאַרן נישט נאָכ־זאָגן די יידישע תפילות. זי פלעגט מיך אַ כאַפּ טאָן אויף אירע געזונטע היפטן. איך פלעג זיך צאַפּלען מיט די הענט און פיס. זי פלעגט מיך צוזאַמענדריקן צווישן אירע פיס, און לאַנג, לאַנג טאַרענען אויף רעכטס און אויף לינקס...

* * *

גאַנצע טעג פלעג איך ליגן ביי אונז אין סעדל. צו קיין פּרוכט־ביימער האָב איך נאָך נישט דערלאַנגט, פלעג איך דערי־בער עסן אַ סך אַגרעסן און ווייַנפּערלעך, וואָס זענען געוואַקסן אויף נידעריקע ביימלעך.

אין שטוב האָט מען מיט מיר געפירט אַן אייביקע מלחמה— נישט צו גיין אין סעדל. מען האָט מיך געשראָקן, אַז איך וועל קראַנק ווערן, איך וועל קריגן אַ געשוואָלן בייכעלע און וועל אָוועקשטאַרבן...

אַלע אין שטוב זענען געווען אָנגעזאָגט צו פאַרמאַכן דאָס טירל צום סעדל. איך פלעג זיך אָבער דורכשפּאַרן דורך די שפּאַלטן פון פּלאַנקען, זיך פאַררוקן הינטער אַ קוסטיק ווייַנ־פּערלעך אָדער אַגרעסן, און עסן — עסן ביז עמעצער פלעגט מיך אַרויסשלעפּן פון דאָרטן.

אונזער סעדל איז געלעגן אויסגעצויגן אויף אַ בערגעלע. ווינטער פלעגט מען מיך אָנפּעלצן אין וואַרעמע בגדים און

אַרויסטראָגן אין סעדל, איך פלעג זען, ווי קינדער פון שטעטל שלימלען זיך באַרג־אַראָפּ.

מײַנע עלטערן זענען געווען גוטהאַרציקע מענטשן. זיי פלעגן דערלויבן די קינדער פון שטעטל ווינטער־צײַט זיך צו באַנוצן מיט דעם סעדל. דערפאַר אָבער זומער פלעגן אין סעדל מעגן אַרײַנקומען נאָר גוטע באַקאַנטע און שכנים...

אויסער די גרענעצן פון געהעפט פלעגט מען מיך אַליין נישט לאָזן גיין. אומעטום פלעגט מיך אַרומפירן וואַריושע. אין שטוב האָט מען געציטערט איבער דעם מוזיניק...

אין סעדל האָב איך זיך אַמאָל אַליין געטראָפן מיט דעם שכנס טעכטערל, אַ קליין מיידעלע. האָב איך איין מאָל זיך געכאַפּט און אויפגעהויבן איר קלײדעלע. עס איז אָבער געווען נישט ווי בײַ וואַריושען. דאָס מיידעלע האָט זיך צעוויינט און אַוועקגעלאָפן און דערציילט איר מאַמע. פונדאַנען צו מיר זענען געקומען אַזעלכע געדאַנקען, האָב איך קיין באַגריף נישט. מעגלעך דערפון, וואָס „יענע" נאַכט מיט וואַריושען האָט זיך שטאַרק אײַנגעקריצט אין מײַן זכרון. „אַזוינע" נעכט האָט וואַריושע, זינט דאַן, ווידערהאָלט גאַנץ אָפט.

איך האָב זיך אַזוי צוגעוווינט צו דעם, אַז איינמאָל בײַם אָוונט־ברויט בין איך אַראָפּגעקראָכן פון מײַן שטולכל, אויף גיך צוגעלאָפן צו וואַריושען, און ציענדיק איר פאַרן פאַרטוך, געפרעגט: „וואַריושע, האָסט שוין צעוואָשן די טעלער?" וואַריושע האָט זיך, משמעות, דערשראָקן פאַר ווײַטערדיקע פראַגן, האָט זי מיך אַ כאַפּ געטאָן אויף אירע היפטן און אַרויסגעטראָגן אין קיך: „קום, כ׳וועל דיך אַביסל אַרומוואַשן"...

„אַ חכמדיק קינד" — האָט די מאַמע געזאָגט, און דער זיידע האָט באַפוילן:

— לייען אָפּ קריאַת-שמע מיט אים און לייג אים שלאָפן!

* * *

אין שטוב ביי אונז פלעגט יעדן אָוונט זיין פול מיט יידן פון שטעטל, — דאָס רוב אָרעמע לייט, וואָס פלעגן קומען צו מיין טאַטן נאָך הלוואות, נאָך טובות. מיין בעטל איז געשטאַנען אין זעלבן צימער ווי טאַטע-מאַמעס, און איך פלעג אָפּט הערן, ווי זיי באַדויערן די לאַגע פון די אָרעמע.

דאָס וואָרט „אָרעם" האָט מיר עפּעס גערייצט. איך האָב אַמאָל געפרעגט ביי וואַריושען:

— וואַריושע, וואָס איז אָרעם?

זי האָט מיר געענטפערט:

— איך — אַן אָרעמע, דו — אַ רייכער.

דער טאַטע איז געווען באַקאַנט אַלס אַ גוטהאַרציקער ייד. די מאַמע — אַלס אַ גוטהאַרציקע פרומע פרוי. זי פלעגט האַלטן פאַר אַ גרויסע מצוה אַראָפּצונעמען פון יעדן געבעקס ברויט מעשר פאַר אָרעמע-לייט. פרייטיק פלעגט זי טיילן די אָרעמע-לייט בולקעס-באַנדעס און זויער-מילך. אַזאַ מנהג איז ביי אונז געווען.

אין שול איז דעם טאַטנס „שטאָט" געווען אויבן-אָן. ביי אַן עליה, האָט דער טאַטע ליב געהאַט זיך אַ וואָרף צו טאָן ברייטהאַרציק מיט אַ היפּשע פּאָר רובל. דער דרך-ארץ פון די אָרומיקע איז אַדאַנק דעם שטאַרק געוואָקסן. יום-טוב פלעגט דער טאַטע אַריינשטייגן הויך פאַר אַן „עליה", און שפּעטער מכבד זיין מיט איר אַ צווייטן — ווי דאָס געלט וואָלט ביי אים געשפּילט אַ גאַנץ קליינע ראָלע...

די מאַמע פלעגט געבן יעדן פרײטיק אין שול אַרײן ליכט, דער שמש פלעגט װאַרטן און הויך אױנטערהוסטן, און פאַרײנס אַראָפּלאָזן אַ גלעזעלע משקה און פאַרבײסן מיט אַן אײער-קיכל. ישיבה-בחורים האָבן געגעסן „טעג“, און אָרעמע פרײנט האָבן געלעבט אויפן טאַטנס חשבון. אויפן גאַנעק מיט די בלוי-געפאַרבטע סטאַנקעטקעס, זענען שטענדיק געזעסן מענטשן... דער בוידעם איז פול געװען מיט טויבן. די זאַסי-קער אין סקלעפּ — מיט בולװעס, די קלײט — מיט תּבֿואה און מיט קרענץ געטרוקנטע עפּל און באַרנעס. אין שטאַל זענען געשטאַנען אַ פּאָר „סטאָינע“ פערד און אַ ברישקע. אַרום שטוב איז געװען דאָס סעדל און אַ גאָרטן צוקאָפּנס און אויך אַ הײפל אויסן דער שטאָט.

* *
*

בײם עק פון סעדל איז אײנגעהױקערט געשטאַנען אַן אַלט הויז. דאָרט האָבן געלעבט מײנע זײדעס. מײנע חברים האָבן מיך מקנא געװען, װען מײנע זײדעס פלעגן מיך פירן שול. פאַרװאָס זײ האָבן קײן זײדעס נישט, האָב איך נישט פאַרשטאַנען.

כ׳געדענק, אײנמאָל האָט די מאַמע מיך פאַרשפּאַרט אין קאַמער. מען האָט צוגעמאַכט די בודל, און אַלע זענען װײנענ-דיק אַרויס פון שטוב. דורכן פענצטער האָב איך געזען פיל מענטשן. מען טראָגט אַ שװאַרצן קאַסטן, און אײנער קלײבט געלט אין אַ בלעכענער פּושקע. זינט דאַן בין איך געבליבן בײ אײן זײדן. ער האָט געהאַט אַ קודלװאַטע באָרד, מיט אַ

רויט טיכל אויפן האַלז. דעם פיינעם זיידן, מיט דער אויסגע־פלייצטער באָרד, האָב איך שוין מער נישט געזען. כ׳פלעג הערן, ווי די מאַמע פלעגט זאָגן:

— ער איז געווען אַ קלוגער ייִד, די גרעסטע חשבונות פלעגט ער מאַכן אויפן קאָפּ...

איינמאָל איז דער זיידע מיט דער קודלעוואַטער באָרד און רויטן טיכל אויפגעשטאַנען מיט אַ צעגריזשעטער נאָז — דאָס איז געווען פון מייז, וואָס זענען אים באַפאַלן אין שלאָף. נאָכהער איז ער פאַרפאַלן געוואָרן אויף אַ פאָר טעג און איז געקומען צוריק מיט אַ ווייסער ציג און אַ ווייב. כ׳געדענק, ווי ער האָט גערעדט מיט דער מאַמען אין קיך, ווען ער איז צוריק געקומען:

— וואָס זאָגסטו, אפשר וואָלט גאָר געווען אַ פּלאַן, איך זאָל חופּה האָבן?

די מאַמע פליקנדיק אַ גאַנז האָט אים שטיל און שעמעוודיק געענטפערט:

— למאי זאָלסטו חופּה האָבן? ס׳פעלט דיר דאָ עפּעס?!

— נו, און וואָס וואָלסטו זאָגן, אַז איך האָב שוין חופּה געהאַט? — האָט דער זיידע קלוגעוואַטע אַ פרעג געטון.

— זאָל זיין מיט מזל! — האָט די מאַמע געענטפערט און איז אַרויס אָנקוקן אויף דער עלטער, איר שטיף־מאַמע.



אין דער אַלטער היים

* * *

שבת פאַרנאַכט. אויף דעם גאַנצן שטעטל ליגט אויסגע-גאָסן אַ מאָדנער חן. די לאָדן און די טירן פון ס'רוב הייזער זענען האַלב צוגעמאַכט... מ'שלעפּט-מיט אַ זויערן טשאָלנט-טעם אין מויל. אין אייניקע הייזער טרינקט מען שוין דעם טיי פון נאָכן דרימל. אין ווערסטן, מיט אָראָפּגעלאָזענע ציצית און מיט יאַרמולקעס אויף די קעפּ, גענעצן רחבותדיק די שבתדיקע יידן, און אויך יידענעס האַלטן נאָך אין גענעצן נאָכן קורצן באַ-טאָגעדיקן שלאָף.

ערגעץ-ווייט פאַרגייט די זון אין אַ פלאַמיקן ראָד. אויף האַלבע גאַסן רוט איר לעצטער שיין, און אויף שפּיצן ביימער פונם דערבייאיקן וועלדל ליגט שוין איר לעצטער „זיי געזונט".

אַ דאַנקבאַרער פון פאַרנאַכטיקער רו, ליגט איצט דאָס טייכל. שטיל פאַרגייען אין אים די לעצטע פליאַשקעס פון די מחלל-שבתניקעס און דער קלאַפּ פון די שיפערישע רודערן. אין אָפּרו פון דער פאַרגייענדיקער זון, פאַרגעמט דאָס טייכל די סודות פון די ליבנדע פאָרלעך, וואָס האַלדזן זיך צווישן די קוסטן און די הושענא-רבה-ביימלעך, וועלכע גאַרטלען זיך אַרום זיינע ברעגן און היטן ווי שומרים די אַרומיקע ווייט-צעשפּרייטע לאָנקעס...

אין שאָטן פון גאַס, אויף גאַנעקעס און בענקלעך קומען אַרויס פון די הייזער יידן מיט שבתדיקע ברייטהאַרציקע גרעפּסן און לאַנגע גלותדיקע גענעצן. פון וואַלד ציען זיך איבערן בריק מידע און פאַרחלומטע פּאָרלעך, וועלכע האָבן אויפן ווייכן גראָז, אין שאָטן פון יאַדלאָווע ביימער, פאַרבראַכט

דעם שבתדיקן טאָג... פון דער דערבייאיקער מיל, פון די צוי־טיקע סעדער ציען זיך דורך וועגן און סטעזשקעס, פאַרביי שפּעטיקע זאַנגען, געאָרעמטע פּאָרלעך און זינגען שטיל אין בין־השמשותדיקן אומעט; און קי מיט פולמילכדיקע אייטערס און דורשטיקע ליפּן, קומען־אָן פון פעלד. אין די זייטן און פון פאָרנט גייען פאַרטראַכט ציגן — עלטערע און יינגערע. עס קומען אויך געפירט דורך יינגלעך געפּענטעטע פערד פון טאַלעטניק.

אויפן גאַנעק זיצט די מאַמע מיט אַ פּלעטקע אויף די פּלייצעס, און אַרום איר — זיצן ווייבער צעזעצט אויף טרעפּ־לעך פון אַריינגאַנג. זיי קוקן נאָך די פאַרבייגייענדיקע פּאָר־לעך, באַרעדן זייער יחוס פון זיידעס און פון עלטער זיידעס; זיי קוקן אויך נאָך די אַדורכגייענדיקע קי און זאָגן אַרויס מיינונגען וועגן זיי און זייערע באַלעבאַטים.

•

איך בין געלעגן אין וואַריושעס שויס, און מיינע אייגעלעך האָבן געגלאַנצט צו די קינדער, וואָס האָבן זיך געשפּילט אין באַהעלטעניש, אין גנבים און אין פערדלעך. וואַריושע האָט מיך געטרייסט:

— דו געזונט ווערן, דו אויך שפּילן ווי זיי...

פון מיר האָט געשלאָגן אַ וואַרעמע היץ. די ווייבער האָבן מיר געטאַפּט דאָס קעפּעלע און געזאָגט פאַרשידענע בויך־סברות. פון צייט צו צייט פלעגט וואַריושע זיך אַריינמישן אין אַלגעמיינעם געשפּרעך, צוזינגנדיק מיך אין איר שויס, איך זאָל אַנדרימלט ווערן...

די זון איז שוין אינגאַנצן פאַרשוווּנדן. אַ קילער בין־השמשות האָט זיך צעלייגט איבערן גאַנצן אָרום. פון פעלדער און פון לאָנקעס האָט געבלאָזן אַ שמעקנדיק ווינטל. ערגעץ ווו פון אַ געהעפט האָט אַרויסגעמעקעט אַ ציג. אַ מעלקעדיקע קו האָט מעלהגרהדיק געברומט ווי דער געגעץ פון אַ פאַר־שלאָפענעם, און אויסגערוטע פערד האָבן הילכיק געהירזשעט...

אין דער לופטן האָבן זיך געשניטן שוואַלבן, און קינדער מיט היטלען אין די הענט האָבן זיך געיאָגט נאָך זיי. מוראַש־קעס און גלאַנציקע זשוקעס האָבן דערקוטשעט דעם עולם, און חזירים מיט סטעסן אויף די העלזער האָבן זיך געגאָרעט אין מיסטיקע גראָבנס.

פון די הייזער האָבן זיך אַרויסגעשאָטן די לעצטע מאַנס־בילן צו מעריב. פון פאַכטן האָבן זיך באַוויזן די מילך־קאַנען, און אין זייטיקע געהעפטן האָט מען שוין געשמירט די רע־דער...

איך בין געלעגן אַ האַלב־אַנגעדרעמלטער מיט מידע אוי־געלעך און אין אַ וואַרעמער טעמפּעראַטור. די מאַמע האָט גע־רעדט צו וואַריושען:

— לייג אים שלאָפן, און זע, צי ס׳איז ניִשט צייט אָנצו־צינדן פייער!

פלוצים האָט זיך דערהערט אַ קוויטשעריי פון אַ קינד. אַ חזיר האָט אים אָנגענומען ביים עקל פון העמד און נישט געוואָלט עס אָפּלאָזן. דאָס קינד האָט זיך דערשראָקן און זיך געלאָזט לויפן מיט אַ געשריי, און דער חזיר נאָך אים, האַלטנ־דיק דאָס עקל אין מויל. עס איז געוואָרן אַ קוויטשעריי. קולות. גוואַלדן.

— ס׳איז ראַשקעס אַ קינד! — האָבן ווייבער געזאָגט

איינע צו דער אַנדערער, ווען וואַריושאַ האָט שוין געהאַלטן דעם חזיר פאַר אַ פּיסל. „ראַשקעס, ראַשקעס" האָבן זיי איבער־געחזרט, און אויסשפּייענדיק דריי מאָל, זיך רויק צעזעצט אויף די ערטער...

די ווייבער האָבן לאַנג גערעדט וועגן דער אומפּאָרזיכטי־קייט פון קינדער, וועגן צרות פון דינסטן, און וועגן מלמדים, וואָס זענען די שולדיקע אין אַלץ...

מיין מאַמע האָט עפּעס דערציילט אין יענעם פאַרנאַכט, גאַנץ שטיל דערציילט, און נאָך שטילער האָבן די ווייבער דאָס אויסגעהערט. פּלוצים האָט וואַריושע אויפגעדעקט די פּאַ־טשיילע און דורכן קליינעם שפּאַלט פון מיינע הייזלעך האָט זי אַרויסגעצויגן מיין פּישערל. די עלטערע ווייבער האָבן דאָס אָנגעקוקט פלאחר יד, און די ייִנגערע האָבן שעמעוודיק גע־שמייכלט: „ס'זאָל דאָס נישט געהערט ווערן"... „אַ קלייניקייט, דינסטן"!

איך האָב איינגעגנורעט דעם קאָפּ אין וואַריושעס ברוסטן און זיך געוואָרפן אויף אַלע זייטן.

כ'האָב פאַרשטאַנען פון דעם אַלץ, אַז ביי אונז איז אַמאָל געווען אַ דינסט, און ווען איך בין אַלט געוואָרן אַכט מאָנאַטן, האָט זי אַרום מיין פּישערל אַרומגעדרייט אַ האָר פון אַ פערדישן עק. דאָס פּישערל איז געשוואָלן געווען, די האָר האָט מען שוין נישט געקאָנט באַמערקן, און איך האָב אַ לאַנגע צייט נישט געקענט לאָזן די השתנה. קיינער האָט נישט פאַרשטאַנען, פאַרוואָס איך האַלט אין איין וויינען, דאָקטוי־רים אין דער גרויסער שטאָט האָבן מיך קוים אָפּגעראַטע־וועט...

ביינאַכט אויפן געלעגער האָב איך אַלץ געטראַכט פון

דער געשיכטע. די מאמע האָט פאַרציילט דעם טאַטן די מעשה מיטן חזיר, דער טאַטע האָט אַ באַלעבאַטישן מאַך געטאָן מיט דער האַנט:

— ראַשקעס ממזרים זענען פול די וועלט, אַ שיינע ריינע כפרה!...

II

אין אַן אוקראַיניש שטעטל

אין שטוב איז אַ טומל. אַלע האָבן פאַרלאָזט דעם טיש און זענען צוגעלאָפן צו די פענסטער. אויך איך בין געווען צווישן דעם נייגעריקן עולם. וואַריושע האָט מיך אויפגעהויבן אין דער הויך:

— דו זעסט?

— וואָס? — האָב איך געפרעגט.

— קוק דאָרטן! מענטשן אויף פערד!...

איבער דער גאַס האָבן זיך באַוויזן אַ פיר, פינף מענטשן אויף פערד. אַזוינע מאָדנע מענטשן האָב איך געזען צום ערשטן מאָל: מיט לאַנגע, הויכע שטעקנס, מיט בלאַנקענדיקע היט און מאָדנע רעקלעך. די גאַס איז געווען באַלאַגערט מיט מענטשן, אַלע קוקן אויף די רייטער מיט די פערד...

זיי האָבן אַ ווײַלע אַרײַנגעקוקט אין לאַנגע פאַפירן און דערנאָך זיך געלאָזט גאַלאָפּ באַרג-אַרויף, באַרג-אַרויף, און פאַר-

שװונדן אין די זײלן שטויב, װאָס זײ האָבן אויפגעהויבן הינ־טער זיך.

אויף די בריקלעך בײ די הײזער זענען די מענטשן גע־בליבן שטײן דערשראָקן. אויף אַלעמענס פּנימער האָב איך באַ־מערקט אַ גרויסע פאַרענדערונג. דער טאַטע האָט זיך צוגע־זעצט אויף אַ שטול, און װידער זיך אויפגעהויבן און אַרויס־געקוקט דורכן פענסטער. אַלע זענען געװען פאַרדאגהט, פאַר־זאָרגט. פּלוצים האָט דער טאַטע אַ זאָג געטון:

— מען װעט זיך דאַרפן נעמען פּאַקן!...

* * *

אין דעם זעלבן פאַרנאַכט האָט מען אין שטעטל דערצײלט, אַז די „שפּאַלטן" זענען נישט װײט... מען האָט אויך דער־צײלט, אַז מען האָט געזען, װי די „רײטערס" האָבן זיך אָפּ־געשטעלט בײ חיים הירשעס שטוב און לאַנג זיך געװערטלט מיט דער עלטערער טאָכטער...

מען האָט אויך איבערגעגעבן אין דער שטיל, אַז װען די רײטער האָבן פאַרלאָזן דאָס שטעטל, האָבן זײ אונטערװעגס באַגעגנט אײזיק דעם קאַראַבעלניק און זיך פונאַנדערגעפרעגט בײ אים אויף די װעגן אין די אַרומיקע דערפער... זײ האָבן אויך געפרעגט, צי איז ער נישט דעם קײסערס אַ שפּיאָן?...

אײזיק האָט זײ געענטפערט אויף זײער „טײטש־לשון, אַז בײ אים איז פאַרפאַלן געװאָרן אַ קלאַטשע — אַ „פערדן פּרוי", אײנגעשפּאַנט אין װאָגן, און אַז דעם קײסער דינט ער נישט, ער האָט אים גאָר קײנמאָל נישט געזען...

אַזוינע רייד האָב איך יענעם פאַרנאַכט געהערט אַ סך. איך האָב זיך אומגעדרייט אין שטוב איינער אַליין, פאַרלאָזן פון אַלעמען. ווארישע און אַלע שטוביקע האָבן געפּאַקט די פּעק. אויף דעם ווינקל טישעלע, ווו ס'פלעגט אַלע מאָל שטיין דער מעשענער סאַמאָוואַר און פיינע לייכטער, איז גאַרנישט געבליבן — אַלץ איז שוין געווען פאַרפּאַקט.

אין געהעפט זענען שוין געווען גרייט צוויי פּאָר פערד, געשפּאַנט אין לאַנגע בריקעס, אויפן קעלניע איז געזעסן וואַר-יושעס טאַטע, אויף דער צווייטער — איר ברודער. זיי האָבן געוואַרט אויפן טאַטן, וואָס איז צום לעצטן מאָל אַוועק אין „זעמסטוואָ". ער האָט זיך צוריקגעקערט אַן אומעטיקער, מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ:

— פאָרט, און איך וועל אונטערקומען. מ'עט זען, וואָס דאָ ט'פּאַסירן...

• •
•

די לאָדן און אונזער שטוב זענען געווען צוגעמאַכט. דאָס איז געווען אויך אין פיל אַנדערע הייזער. נעבן גאַניק איז געשטאַנען דעם טאַטנס אַ רייטוועגל מיט אַ הויכן פערד. דער טאַטע האָט אונז געקושט, שטאַרק געקושט. די פערד האָבן אַ ציטער געטאָן, אַלע האָבן געוויינט. דער טאַטע האָט זיך געווישט די אויגן און איז אַוועק הינטערן גאַנעק...

ווי דורך אַ חלום זע איך איצט די לאַנגע שורה וועגענער, וואָס האָבן זיך געצויגן פון שטעטל דורכן טיפן וואַלד, דורך פעלדער און וויסטעניש. די אָנגעפּאַקטע וועגענער מיט

שרייענדע קינדער, מיט מאַמעס און מיט טאַטעס און מיט פיל „קאבעבעס"...

דער הימל האָט זיך פאַרכמורעט. עס האָט אָנגעהויבן צו דונערן און צו בליצן. ס'האָבן זיך געהערט פאַרשטיקטע קולות:

— דעקט איין די קינדער, דעקט איין!

די פערד, אויסגעווייקטע פון רעגן, האָבן זיך קוים גע־שלעפּט אין דער נעץ. מען האָט געאײַלט צום דערבײַאיקן שטעטל.

כ'האָב נישט פאַרשטאַנען, פאַרוואָס מיר פאָרן. כ'האָב געוויינט און געוואָלט צוריק אַהיים. די מאַמע האָט מיך געשטוליעט צו זיך, מיך געוואַרעמט און מיך אײַנגעשטילט מיט טרייסט־ווערטער. זי האָט געקוקט טיף אין מײַנע אויגן, און מיר געגעבן אַ שטאַרקן קוש. טרערן האָבן געראָנען איבער איר פּנים...

מענטשן אָן אַ צאָל, וואָס כ'האָב צום ערשטן מאָל אין מײַן לעבן געזען, האָבן זיך באַוועגט נערוועז און אומרויִק, אין גרויס געפּילדער און געטומל. איך און נאָך קליינע קינדער־לעך זענען געלעגן אויף הויכע פּעק בעטגעוואַנט, ווי אונדזער „זשוציק" אין זײַן נאָרע. מײַנע עלטערע ברידער האָבן זיך אויסגעמישט אין גרויסן געטומל פון די פרעמדע מענטשן. בײַ־נאַכט זענען פיל פון די מענטשן געשלאָפן אין אַן אײַנגעפאַלן שטיבל — אַ שטיבל אַזאַ ווי דעם זיידנס. מיך האָט מען אַרײַנגעלייגט אין אַן אײַנגעפאַלענעם אויוון...

אינדערפרי זענען מיר אָפּגעפאָרן. אָבער דאָס מאָל שוין נישט מער מיט קיין פערד, נאָר אין קליינע שטיבעלעך.

די מאַמע האָט עס גערופן — „באַן".

* * *

אין איינציקע טעג אַרום האָב איך זיך דערזען אין אַן אמתער שטוב, מיט בעטן, מיט טישן און מיט שטולן. די שטוב איז געווען אַ קליינע, צוויי צימערן אינגאַנצן, און איר האָבן גע־לעבט פיר משפחות — אַרום פופצן פערזאָן. דאָס זענען געווען אַלע אייגענע, היימישע מענטשן.

נאָך היינט, ווען איך קלער פון יענער צייט, זע איך פאַר זיך בלויז די דעמאָלט־פאַרוויינטע פנימער. מיין מאַמע האָט זיך אינגאַנצן פאַרענדערט: איר פנים איז געוואָרן צע־קניטשט, אירע אויגן — פייכט. שטענדיק האָט זי געציטערט פון קעלט. אויף אירע פּלייצעס איז געלעגן אַ וואָלן טיכל, זי האָט געבראָכן מיט די הענט, געזיפצט און געכליפּעט...

אַזוי האָבן אויך אויסגעזען די איבעריקע פרויען. אַרום און אַרום האָב איך געזען נאָר ווייבער. די מאַנסבילן פון דער משפחה זענען געווען מיינע פאַר בר־מצוהדיקע ברידער און צוויי שוועסטער־קינדער אין זעלבן עלטער.

אין יענער צייט פלעג איך אָפט הערן, ווי מען בעט זיך ביי דער מאַמען, זי זאָל אויפהערן צו פאַסטן. — אַזוי׳ פלעגן זיך בעטן ביי איר מיינע ברידער און שוועסטער, אָבער די מאַמע האָט ווייניק פאַרנומען זייערע רייד, און פאַר קיין פאַל נישט אַדורכגעלאָזט קיין מאָנטיק און דאָנערשטיק נישט צו פאַסטן.

כ׳ווייס נישט, וואָס כ׳האָב אין יענע טעג געקלערט, נאָר כ׳געדענק, אַז איך פלעג אויך זייער אָפט וויינען צוזאַמען מיט אַלע גרויסע — און געוויינט האָבן אַלע זייער

פיל... יענע העלע ליכטיקע טעג פון מיין עלטער היים זענען שוין פאַרשוווּנדן אויף אייביק... איצט האָב איך געפילט אַ מין האַרבסט אין גאַס און אין האַרצן... ווי אַ חלום זענען געווען פאַר מיר די פרייז'יקע נעכט פון צוריק מיט עטלעכע חדשים, ווען אַלע פלעגן מיך אומטראָגן אויף די הענט, מיך קנייפן און פאַטשן אין די בעקלעך. שוין אויס מיט די גוטע רייד. איצט זענען אַלע אָנגעבראָגזט, דערצאָרנט. פון אַלע זייטן האָב איך פאַרנומען נאָר האַרבע ווערטער. די מאַמע האָט געהאַלטן אין איין רעדן צו מיר און צו זיך:

— די וועלט איז זינדיק! וואָס וועט זיין פון דעם אַלעמען?...

* *
*

ווייט, פאַרוואָרפן פון ברייטע ליכטיקע גאַסן, איז אונזער הויז געשטאַנען איינגעפלאַכטן אינעם אוקראַינישן שטעטל. דורך די פענצטער האָבן אָפט אַריינגעקוקט האַרבסטיקע פנימער מיטן האַרבסטיקן דרויסן... כמורנע און טרויעריק האָבן זיך געצויגן אומעטיקע מעת-לעתן און זיך געבונדן אין לאַנגע גלותדיקע וואָכן. דאָס לעבן איז געווען קאַלט און אָנגעבראָגזט.

אין די קאַלטע פאַרנאַכטן פלעגט מען זיך וואַרעמען ביי דעם אייוועלע וואָס מען פלעגט הייצן מיט שטרוי אָדער שפענדלעך, וועלכע מ'פלעגט אויפקלייבן אין גאַס. מאַמעס זענען געזעסן פאַראומערט, האָבן באַדויערט די לאַגע און דערמאָנט זיך אָן די „סטירטעסטן" האָלץ, וואָס זענען איבערגעבליבן אין דער היים אויף הפקר. עס פלעגט אָנפאַלן אַ שווערע מרה-שחורה אויף אַלעמען.

אין אָוונטן אַזוינע האָט די מאַמע אַריינגעוואוגגען אין מיר איר עלנט. דורך שטילע צערטלעכע מעלאָדיעס און הייסע טרערן האָט זי פאַר מיר אויסגעוויינט איר ביטער האַרץ און דערציילט פון מלחמות, פון טורמעס און פון קאַטאָרגעס.

אין אָוונטן אַזוינע האָב איך געהערט איר דערציילן: ווען די דייטשן זענען אַריינגעקומען צו אונז אין שטעטל, האָבן זיי געכאַפּט יודל דעם מלמד, אים צוגעבונדן צום עק פון אַ פערד און דעם פערד געטריבן, און אַזוי האָט מען דעם מלמד שטאַרק געפּייניקט... און ווייבער האָבן מפּיל געווען אונטער דערוועגנס...

נאָך אַזוינע שמועסן, פלעגט מען אויסציען אַ פּערנע אויף דער פּאָדלאָגע פאַר אונז – „מענער", און אַ צווייטע – פאַר די פרויען.

די מאַמע פלעגט שפּאַלטן די מאַנאָטאָנקייט:

– פאַרגעסט נישט, קינדער, אָפּצולייענען קריאת־שמע!

* *
*

– קום, איכ'ל דיך אָוועקפירן אין חדר! – האָט די מאַמע מיך איינמאָל אָנגענומען פאַרן הענטל, און מיר זענען ביידע אַרויס פון שטוב.

אויפן גאַס האָט זי מיר געקויפט אַ ווייסן קוכעלע. איך האָב שוין קיין קוכעלע נישט געגעסן אַ לאַנגע צייט, און איך האָב אים פאַרטיק געמאַכט ביזן חדר.

איך האָב געטראָפן אַ סך, אַ סך חברימלעך. אַלע האָבן געלאַכט, זיך געפרייט און זיך געשפּילט. ס'איז געווען נישט

דאָס וואָס אין שטוב. אַזוי האָבן זיך געצויגן טעג — אין דער פרי פלעגט מיך די מאַמע אָוועקפירן, און פאַרנאַכט פלעגט זי קומען מיך אָפּנעמען. בײטאָג פלעג איך פאַרגעסן אָן דער קאַלטער אַטמאָספערע פון שטוב, און בײנאַכט פלעגט מײן קינדעריש הערצל צוריק פול ווערן מיט מאַמעשן אומעט.

— וווּ איז דײן טאַטע? — האָט דער רבי מיך אַמאָל געפרעגט, טײטלענדיק מיטן לאַנגן טײטל אין סידור.

— כ׳ווײס נישט!

— ווי?

— כ׳ווײס נישט — האָב איך אַ צי געטאָן מיט די פּלײצ-קעס, און אַלע קינדער פון חדר זענען אַרויס מיט אַ געלעכ-טער...

* *

— מאַמע, וווּ איז דער טאַטע? — האָב איך געפרעגט די מאַמען, ווען זי האָט מיך אָפּגעפירט פון חדר אַהײם. די מאַמע האָט געשוויגן.

די ברײטע גאַסן האָבן גיך פאַרשלונגען אונזערע טריט, און פאַר די אויגן איז אויסגעוואַקסן אונזער פאַרקרימט שטיבל מיט זײנע האַלב-אַראָפּגעריסענע לאָדן און שטענדיק סקריפּנ-דיקער טיר. פון קומען האָט זיך געצויגן אַ דינער דורכזיכ-טיקער רויך—דער רויך פון איבערגעברענטער שטרוי און דינע סטרוזשקעס.

מיר זענען געקומען צוריק אין שטוב. אַרום אויוון זענען געזעסן גרויס און קלײן; מען האָט, ווי עס שײנט, ווידער גע-רעדט פון אַמאָליקע גוטע יאָרן און הײנטיקע שווערע צײטן. די

מאַמע האָט מיר אונטערגעטראָגן אַ שטיקל ברויט מיט מעלעט צוקער.

כ׳האָב נאָך אַלץ געקלערט וועגן דעם טאַטן. די פראַגע האָט מיך נישט אויפגעהערט צו עגבערן. כ׳האָב מורא געהאַט, טאָמער פרעגט מיך דער רבי ווידעראַמאָל די זעלבע פראַגע, און די קינדער וועלן ווידער לאַכן פון מיר...

— אָבער, זאָג מיר, מאַמע, וווּ איז מיין טאַטע? — האָב איך מיט אַ רחמנותדיקן פּנים געבעטן. די מאַמע האָט אויפגע. הויבן אירע אויגן צו די אַרומיקע, ווי זי וואָלט געבעטן דער־לויבניש, און דערציילט מיר אַלץ...

* * *

לענע נאַכט האָב איך געזען אין חלום מיין טאַטן. געזען אים, ווי ער האַלט מיך אויף די קני, ווי ער קושט מיך, ווי ער האַלזט מיך. געזען אים, ווי ער באַמבלט מיינע לאַנגע געקרייזלטע האָר פון קאָפּ און ווי ער פירט מיך רייטנדיק אויף אַ קוזיקל דורכן געהעפט...

כ׳האָב זיך אויפגעכאַפּט מיט אַ געוויין. כ׳בין געווען אויסגעווייקט אין שווייס, און בין לאַנג געלעגן מיט אָפענע אויגעלעך. מיין עלטערער ברודער האָט זיך אויפגעכאַפּט און אין מיר אַריינגערעדט האַפנונגפולע טרייסט-ווערטער:

— וויין נישט, וויין נישט. דער טאַטע וועט צוריק קו־מען, אונז וועט נאָך ווידער גוט זיין! דער טאַטע האָט נישט געגעבן קיין האָבער די דייטשן, ס׳אַ ליגן! ער איז נישט קיין

שפּיאָן. זײ װעלן אים צוריק אַרױסלאָזן פון טורמע. דו װעסט זען, װײן נישט, נאַרעלע, װײן נישט!

אינדערפרי האָט מיר דער ברודער געגעבן אַ קאָפּיקע אױף אַ קוכעלע, דאָס איז געװען פון זײן ערשטן פאַרדינסט. און איך בין אַװעק אין חדר.

אַ גאַנצן טאָג האָב איך זיך קײן אָרט נישט געפונען; מײנע בעקלעך האָבן געברענט, די קאָפּ האָט מיר װײ געטאָן, און דער רבי האָט מיך אָפּגעשיקט נאָך האַלבן טאָג אַהײם. אױפן געהעפט האָב איך געטראָפן מײנע ברידער בײ דער אַרבעט:

זײ האָבן געזוכט האָלץ פאַרן שמש פון שול.

* * *

דער שמש פון שול — װאָס פאַר אַ מאָדנער מענטש! נאָך הײנט, װען איך קלער װעגן אים, פיל איך, װי מײז װאָלטן מיר געקראָכן אונטערן העמד. איך זע אים, װי ער שלאָגט זײן װײב, װי ער זידלט מײנע ברידער און װי ער האָצקעט און קושט זײן קינד.

זײן שטענדיק הײזעריקע שטימע האָט געקלונגען װי דער קלונג פון אַ טשוגענענעם טאָפּ. זײנע רױטע אױסגעלאָמעװעטע אױגעלעך האָבן געגעסן לעבעדיקע מענטשן. איך פלעג זיך אױסבאַהאַלטן פאַר זײן קוק און פלעג אַנטלױפן פאַר זײן געשרײ — — — — — — — גאָרנישט דער זעלבער שמש, װאָס פלעגט אַלע פרײטיק זיצן בײ אונז אין קיך אין אונזער אַלטער הײם.

דאָס איז געווען דער ערשטער „גוטער" מענטש, וואָס האָט געגעבן מיינע ברידער אַרבעט. זיי האָבן געזעגט און צעשפּאָלטן אַ קלאָפּטער האָלץ פאַר דער שול, דערפאַר האָבן זיי געקראָגן פופציק קאָפּיקעס, און אַלס צוגאָב האָבן זיי געגעמוזט צוזעגן אַ „טשוואַרטקע" האָלץ פאַר אים. פאַרן שמש גופא — אַ מתנה פאַר זיין גוטהאַרציקייט...

דאָס איז אויך געווען דער ערשטער זעלבסטשטענדיקער אַרויספאָר פון מיינע ברידער.

איינמאָל איז דער שמש אַריין צו אונז אין הויז, האָט אָנגענומען דעם ברודער פאַרן קאָלנער:

— דו, זשוליק איינער, דו האָסט עס אַרויסגעגנבעט דעם טאָפּ זויערס פון אויוון!

מיין ברודער האָט אים אָנגעקוקט פאַרוווּנדערט. די מאַמע האָט אויסגעבראָכן אין אַ געוויין. דער ברודער האָט זיך אָבער באַלד געכאַפּט, וואָס דאָ טוט זיך, און אים אַראָפּגעלאָזן אַ זעץ אין די ציינער! אין אַ ווײַלע אַרום האָט ער שטאַרק געבריקעט זיין פרוי, פאַרן אויסגיסן דעם טאָפּ זויערס...

מיר האָבן באַשלאָסן צו פאַרלאָזן דאָס שטעטל.

III

ווייט אין דער פרעמד

האָבן לעמפּעלעך אַראָפּגעשיינט פון הויכע סלופּעס, געשיינט און פאַרשיינט די געגנט אַרום, פאַרברייטערט זייער קרייז דורכן שאָקל פון ווינט און אימהדיק געסקריפּעט אויף צעזשאַ-ווערטע דראָטן.

אַ פול געפּאַקטע פור מיט זאַכן האָט רויק זיך געוויגט איבער דער ברייטער גאַס אין באַגלייטונג פון אונזער משפחה, קרובים און סתם היימישע יידן, וואָס זענען געקומען אונז מקבל-פנים זיין אויפן וואָקזאַל. מ׳האָט זיך געווישט די טרע-ריקע אויגן, און פאַרקלעמט נאָכגעגאַנגען די פור, ווי אבלים נאָך אַ בר-מינן.

איבער דער גאַס זענען געפלויגן דראָשקעס מיט אָנגע-צויגענע קוטשערס, טראַמווייען האָבן זיך מאַיעסטעטיש גע-צויגן, און נייגעריקע פּנימער האָבן אונז נאָכגעקוקט מיט אָפּ-געשטאָרבענע בליקן...

— אַ נייע וועלט, אַ גרויסע וועלט — קיין צרות וועט נישט פעלן! — האָט די מאַמע, האַלטנדיק מיך פאַרן הענטל, גערעדט צום היימישן עולם. אויך די איבעריקע יידן האָבן גע-וואָרפן איינצעלנע ווערטער, און אַלץ ווייט פון טרייסט-רייד.

די גאַנצע עדה מענטשן איז געווען ווי איין קנויל מאַטעריע; מיט איינע און די זעלבע ליידן, מיט איינע און די זעלבע געדאַנקען. ווי שווערע וואָלקנס האָבן זיך אָפּגעזעצט אויף זיי־ערע פאַרזויערטע פּנימער, מיט די קודלעוואַטע בערד, פלײשיקע נעזער און הילפסלאָזע אויגן. פון די ווייבער האָב איך גע־הערט נאָר איין וואָרט. יעדע איינע האָט פיל מאָל אויסגע־שעפּטשעט דאָס אייגענע: „ווי וועט מען דאָ אָנהויבן צו לעבן״?!

אָן עדה מענטשן האָבן אין יענער נאַכט פאַרקערפּערט די ליידן פון מיליאָנען הילפסלאָזע און ליידנדע, באַדנלאָזע און אומשולדיקע, וואָס האָבן אויף זייערע פּלייצעס געפילט די זינד פון די ברוטאַלע הערשער, דעם ווילדן שפּיל פון די איבערגעזעטיקטע מאַגנאַטן...

די טראָטוארן האָבן זיך געבאָדן אין דעם שטראָמיקן ליכט, וואָס האָט זיך אַרויסגעריסן פון די קרישטאָלענע שוי־פענצטער, הינטער וועלכע ס׳האָבן געררייצט פאַרשיידנערליי רייכטימער און טייערע חפצים. הויכע מויערן האָבן פאַרשלונגען אונזערע טריט צוזאַמען מיט די שטומע גליווערנדיקע שאָטנס פון אונז אַלעמען.

אונזער פור האָט לסוף זיך פאַרקירעוועט אין אַ פינצטער געסל און איז דאָרט שטיין געבליבן.

* *

אונזער הויז איז געווען קלענער און נידעריקער פון אַלע. עס איז געלעגן ווייט פון די הויכע מויערן און זייערע קריי־

שטאָלענע שויבן. אַ מהלך רב פון גערטנער און ביימער, פון ברייטע גאַסן און לופטיקע פּאַרקאַנעס.

דורך די קליינע פענצטער האָב איך שטענדיק געזען אַ בילד — ענלעך צו אונזער שטעטל; קליינע הילצערנע כאַטקעס אויסגעקלעפּט פון ליים, מיט שטרויענע דעכער — ווי אויסגעמאָלן אין ביכלעך.

אַרום די שטיבלעך האָבן זיך אין שטויב געקנוילט אַלערליי שמאַטעס, שטיקלעך פּאַפּיר, קעפּלעך הערינג. קרעציקע הינט און קעץ האָבן מזנה געווען אין מיטן גאַס, און די וואָס האָבן זיך נישט געפונען קיין מנוחה אין דער „ברייטער וועלט״, האָבן זיך דאָ געפונען חי ביי זיך אין דערהיים...

אויף אונזערע גאַסן איז געווען אַנדערש ווי דאָרט, אין די געהויבענע גאַסן, וווּ ס׳זענען אַלע מינוטן געפלויגן עלעקטרישע טראַמווייען, דראָשקעס אויף גומענע רעדער און שייןגעפּוצטע אויטאָמאָבילן. עס איז געווען אַ געגנט פון הונגעריקע און דערשלאָגענע, פון געיאָגטע און געפּלאָגטע...

די לופט איז פול געווען מיט שטינקענדיקן ריח, וואָס האָט אָנגעווייעט פון די דערבייאיקע מיסטקאַסטנס, פון גרויסע מיסטגרובן און דורך שפּאַלטן פון צעבראָכענע בית-הכסא׳ס...

אויף געהעפטן זענען געלעגן געפּגרטע קעץ און הינט, מיט אויסגעקראָכענע האָר און געזשעברעטע ביינער, מיט בלישטשענדיקע אויגן און פאַריסענע פיסלעך—פון זיי האָט געווערעמט און געווימלט...

גאָר אַנדערש איז געווען העכער צו דער שטאָט...

אויף אַלץ האָט דאָרט געשיינט אַ וואַרעמע זון.

ווייט אין דער פרעמד

* *
*

מיין לעבן אַ קורצע צייט אין דער גרויסער שטאָט האָט אויף מיר געמאַכט אַ גרויסן רושם. איך האָב גענומען מער פֿילן און באַגרייפֿן דאָס אַרומיקע. דאָ האָב איך אויך אָנגעהויבן אַרויסצוזעיין פֿון דער מאָמעס רשות: די יאָרן זענען נישט גע־שטאַנען אויף אײן אָרט. די וואָגלעניש האָט אויף מיר אַרויפֿ־געלייגט אַ שווערן שטעמפּל.

איך בין שוין דערגאַנגען צו חומש און תנ״ך. האָב שוין פֿיל מאָל פֿאַרבראַכט מיינע שעהן חלומנדיק פֿון דעם רבינס שיינע טאָכטער, וואָס האָט געררייצט מיט אירע בלאָנדע צעלאָזענע צעפּ און שטייפֿע בריסטלעך, וואָס האָבן זיך פֿול־אייטערדיק געבאַמבלט אונטער איר ציצענער בלוזקע.

דער רבי האָט געהאַט אַ סך תלמידים: יונגע קינדער און דערוואַקסענע בחורים — אַלע האָבן זיך געפֿונען אין איין צימער, אַרום איין טיש, צעזעצט אויף לאַנגע בענק.

מיר איז אויסגעקומען צו זיצן אין איין כּתּה מיט בר־מצוה בחורים, וואָס זענען געווען מער פֿאָרגעשריטן פֿאַר מיר, שוין צוליב זייער עלטער אַליין. איך האָב נישט איינמאָל גע־הערט פֿון זיי רייד, אויף וועלכע איך האָב זיך שטאַרק גע־שלאָגן „על־חטא“ און באַשלאָסן זיך מער נישט צוצוהערן, אָבער יעדעס מאָל האָט עס מיר נאָכמער געצויגן...

עס איז געווען אַ געמיש פֿון פֿאַרשידענע קינדער.

מיינע ברויט מיט פּוטער פֿלעגט אָפֿט מיר נישט אָנקו־מען. יעדן טאָג זענען פֿאָרגעקומען אין חדר נייע גנבות.

* *
*

די טעג פלעג איך פארברענגען אין חדר, אין דער אטמא-
ספערע פון לעבעדיקע שטיפערישע קינדער. די אוונטן — אין
אומעט און מרה-שחורה פון געזאלצענע טרערן, וואס מיין מא-
מע פלעגט אין שטילע פארנאכטן פארגיסן איבער איר ביטערן
גורל...

פאר מיר האט זי נישט איינמאל אויסגעגאסן איר ביטער
הארץ. די עלטערע ברידער און שוועסטער פלעגן נאכן טאג
שווערער פראצע, ארויסגיין פון שטוב, און איך פלעג בלייבן
אליין מיט דער מאמען.

... און די מאמע האט געמיינט, אז פארטריקנט בלייבן
אירע טרערן. און אז יונג איז איר זונעלע, און פארשטייט
נאך קיין זאך נישט... אויפן געהעפט פלעגט זי ארויסטראגן
א „טאבערעטקע" איך פלעג זיך אויסציען ביי אירע פיס און
מיט פארחלומטע אייגעלעך אויסהערן דער מאמעס רייד און
קרעכצן. און די מאמע פלעגט דערציילן און וויינען... וויינען
און דערציילן...

— איז פארשיקט ווייט פון דיר, דיין טאטע, איבער
שטעט און איבער דערפער, אין א קאלטן, קאלטן לאנד... סע
שרייבט דער טאטע דיינער: „גאט ווייס, ווי איכ'ל דאס איבער-
טראגן. אזוינע פרעסט, אזוינע קעלטן"... אלע קינדער האבן
טאטעס, און דו, מיין קינד — אומגליקלעכער מיינער...

און טרערן, טרערן אן א ציל.

אזוי נאכט-איין, נאכט-אויס. און אויף מארגן ווידער
ברויט מיט פוטער, דורך ענגע שמוציקע געסלעך, פארביי

אָפּענע פענצטער און טירן פון געהויקערטע שטיבלעך, דורך ריחות פון אויסגעשלאָפענע בעטן — צום חדר, צום חדר!

* *
*

און די שבתדיקע טעג?

— אין מיסטקאַסטנס און מיסטגרובן האָב איך פאַרבראַכט מיינע שבתדיקע טעג. איך און פיל פון מיינע חברים. דאָרטן האָבן מיר געפונען אַ שלל קינדערשע צאַצקעס און גאַנץ אָפט עפּעס צום עסן...

אויפן „טאָלטשאָק", אויפן מאַרק און אַרום די יאַטקעס; האָבן מיר זיך אַרומגעדרייט מחנותווייז, ווי הונגעריקע הינט, באַבגעשפּירט מענטשן, וואָס האָבן עפּעס געגעסן, און אויפגע־כאַפּט די אָוועקגעשמיסענע הערצלעך פון פּרוכטן און קאָר־קעס פון פּאַפּיראָסן... אין שטוב האָט מען דערפון נישט גע־ווּסט. נאָר די מאַמע פלעגט אַלץ איבעררעדן: „ער הויבט נישט אָן צום עסן". מיר איז געווען דערנאָך איבערדריסיק דאָס שטוביקע ברויט מיט פּוטער...

אַמאָל בין איך פאַרקראָכן אין אַ מיסטקאַסטן און בין געווען זייער צופרידן פון דעם, וואָס כ'האָב דאָרט געפונען? מיינע קעשענעס זענען פול געווען מיט צאַצקעס, דאָס העמדל אָנגעשטעקט מיט פאַרשידנאַרטיקע שפּיקעלעך. און אַ צופרידע־נער האָב איך זיך געפּרוּווט אַרויסהויבן פון דאָרטן. דער דעק איז אָבער צוריקגעפאַלן, און אַ מאַנסבילשע שטימע האָט מיר דער־שראָקן...

אַהיים האָב איך זיך אומגעקערט אַ פאַרוויינטער, און עטלעכע טעג כסדר האָב איך געפילט דעם ווייטיק פון די קלעפּ.

די מאַמע איז געווען זייער דערשראָקן:

— אָרעם קינד מיינס, אַלע האָבן אַ האַנט אויף אים!...

* * *

אין חדר איז קאַלט, אין חדר איז אומעטיק. די פריילעכע קינדערשע פּנימער זענען איינגעצויגן און צעקעלטערט. אַלע כאַפּן זיך צום אויוון. שווידערנדיקע גופימלעך, זיי טרייסלען זיך אין לייכטע זומערדיקע בגדימלעך, פאַרלאַטעטע און לעכער־דיקע. אַ ווינט וואָלט זיך לאַנג אין זיי נישט אויפגעהאַלטן.

דעם טיש האָט מען אויך צוגערוקט צום אויוון, און אַנטקעגן זיצט דעם רבינס טאָכטער. זי לייענט אויפן קול אַ פּסוק חומש, די קאָפּ אַראָפּגעבויגן. איך קוק גנבהדיק איי־בערן טיש צו איר אין בוזים אַריין. אירע ווייסע בריסטעלעך גייען זיך פאַנאַנדער אויף ביידע זייטן, די נופלס זענען בולט דורך איר בלוזקע, — איך פיל, אַז איך וואָלט איצט עפּעס געוואָלט טאָן. מיינע בלוטן צעוואַרעמען זיך, דאָס הערצל קלאַפּט ביי מיר שטאַרקער ווי תמיד, איך ציטער אינגאַנצן פון קעלט און אויפרעגונג. איך מאַך זיך פלומרשט קוקנדיק אין חומש און זעטיק מיינע אויגן מיטן אויסזען פון אירע בריסטן. איך פיל, אַז כ׳וואָלט זיי איצט געוואָלט אייבבייסן: שטאַרק, שטאַרק איינבייסן ביז משוגעת...

איך כאַפּ אַ קוק אין חומש, האָב מורא, אַז איך זאָל נישט פאַרלירן ווי מען האַלט. איך טוליע זיך נאָך מער איין צווישן די חברים און שווידער אינגאַנצן. פּלוצים דערפיל איך׳ ווי אַ שווייסיקע האַנט נעמט אונטערן טיש אָן מיין האַנט, און פאַרפירט זי צו זיך אין קעשענע. דאָרטן געפין איך אַ שטייפן

אברל. עס שװידערט מיך אָפּ. איך פּרוּװ ציען די האַנט צוריק. יענער האַלט זי אָבער פעסט. שרײען האָב איך מורא. איך שעם זיך. דעם אברל זײנעם פאַרקװעטשט ער אין מײן הױפּן און הױבט אָן פירן אַרױף און אַראָפּ.

לאַנגזאַם פאַרקריכט ער אױך צו מײנע הײזלעך און טוט דאָס אײגענע. מיטאַמאָל האָב איך דערפילט אַן עקל צו זיך — איך בין אָפּגעגאָסן געװאָרן מיט אַ שװײס, און זיך שיעור נישט צעװײנט.

* *
*

איך האָב זיך דערפילט זינדיק. ס'איז אונטערגעקומען מײנער אַ פּסוק חומש, אײנער און אַ צװײטער. כ'האָב מורא געהאַט צו דערמאָנען דעם נאָמען פון „גאָט" און געלײענט מיט אַ האַלבן מויל.

געדאַנקען, אײנער שװערער פונם צװײטן, האָבן זיך געװעבט אַרום מײן קינדערש קעפּל: — „װאָס האָב איך געטאָן! גאָט װעט זיך אָן מיר נוקם זײן"!

איך האָב זיך געבעטן אױפן „לופט". דאָרטן האָב איך זיך שטאַרק פונאַנדערגעװײנט. צוליב מיר — האָב איך גערעכנט — לײדט אַ װעלט. מײן מאַמעס װערטער: „אַ װעלט איז זינדיק, װאָס פאַר אַ גוטס קען אַרױסקומען"... איז מיר איצט אַרױפגעקומען אױפן זכרון. צוליב מײנע זינד הײסט עס זיצט מײן טאַטע אין טורמע, צוליב מיר זענען דאָ אַזױ פיל הונגעריקע קינדער אין חדר, צוליב מיר, צוליב מיר!

איך בין זינדיק! זינדיק...

* *
*

דער בחור, מיין שכן, איז מיט צוויי קעפ העכער פון מיר, ברייטער און דיקער. זיין טאטע איז געווען א סמאַרגאָנער. מען דערציילט, אז ער פלעגט אויפעסן צוויי לעבלעך ברויט און א פיינקוכן אויף דרייסיק אייער אויף איינמאָל. אויפהויבן צוויי זעקלעך מעל אויפן דריטן שטאָק איז אים אָנגעקומען אַזוי לייכט ווי אויפעסן דעם פיינקוכן.

מיין חבר אליין האָט געהאט א געשטופלטן פנים, פון די גריבעלעך האָבן ארויסגעגלאַנצט ברעקלעך בלאָטע — אַרום זיי האָבן זיך אָפּגעזעצט מאַטעריע, פרישטשיקלעך ווייסע און רויטע, וואָס ער פלעגט האַלטן אין איין טאַפּן, צערייסן און צעבלוטיקן... ריטשקעלעך בלוט פלעגן אָפט זיך שלענגלען איבער זיין פנים פון די צעריסענע פרישטיקלעך. זיי פלעגן פאַרשמירן נאָך מער די בלאָטיקע אויערן און קויטיקן האַלז.

זיינע ברעג אַרבל זענען געווען באַפלעקט פון בלוט און בלאָטע. א נאָזטיכל האָב איך ביי אים קיינמאָל נישט געזען. אויבן האָט ער געהאַט גרויע, פאַרחלומטע — א האָריקע ברוסט האָט זומער און ווינטער אַרויסגעקוקט דורך זיין אָפּן-צעשפילעט העמד. ברייטע הענט מיט גראָבע פינגער און צעריסענע נעגל.

* *
*

דינט יענעם זינדיקן בין-השמשות, פלעג איך דאַווענען מיט מער כוונה. כ'האָב געפילט, אז איך בין באַגאַנגען א זינד,

כאָטש כ׳האָב נישט קלאָר באַגריפן, אין וואָס מיין זינד באַשטייט.

דער מאַמען אין די אויגן האָב איך געקוקט ווי אַ גנב, ווי כ׳וואָלט האָבן עפּעס געגאַשט. כ׳האָב געוווּסט, אַז מען טאָר וועגן אַזוינע זאַכן נישט רעדן, מען מוז עס האַלטן בסוד.

מיין יצר-הרע האָט זיך געשטאַרקט. מיין שכן פלעגט אָפטער פאַרפירן מיין האַנט צו זיך אין קעשענע, און אַלס דאַנקבאַרקייט מיר אָפּדינען אין דעם זעלבן וועג...

מיך האָט געמאַטערט דאָס געוויסן, אָבער — כ׳האָב עס ליב באַקומען. ס׳איז געווען זייער אַנגענעם, ווען ער פלעגט מיט זיין האַנט מיר גלעטן איבערן גאַנצן אָרום — כ׳פלעג דאַן קוקן אויפן רבינס טאָכטער, אויף אירע שטייפע בריסטלעך און קלערן וועגן וואַריושען, וואָס האָט דערמאָנט אָן פולבּרוס טיקייט.

* * *

די מאַמע האָט זיך געשראָקן, אַז איך בין קראַנק, און נישט איינמאָל האָט זי איבערגערעדט מיט פאַרדרוס, אַז איך טראָג זיך אָרום מיט אַ „פאַרבאַקענער איי".

איך האָב זיך גענומען שרעקן פאַר דער מאַמען. איך האָב געמיינט, אַז זי ווייסט פון אַלץ, און איר קוקן אין מיינע אויגן האָט מיר פאַרשאַפט פיל פאַרדרוס; יעדער קוק האָט זיך אָראָפּגעלאָזן, ווי אַ ליידיקער עמער אין אַ טיפן ברונעם...

מיין האַרץ איז פול געווען מיט אומעט. וויפל פייער. לעכע שעהן האָט פון מיר אָוועקגערויבט דער מאַמעס זויערער פּנים, וויפל ברויזיקע מינוטן פון קינדערשער פרייד זענען

דערשטיקט געוואָרן אין מיר, אין מיינע גלידער, און זענען פאַרקאַלכט געוואָרן, צוליב דער בלייך פון דער מאַמעס גע-זיכט?!...

נישט ווייניק שעהן האָב איך געפּטרט אויף קופּעס מיסט, אויפן בוידעם, אויף קופּעס האָלץ, אין פאַרשידענע מיסט-גרובן, כדי צו קומען אין שטוב אַביסל שפּעטער...

מיך האָט געשראָקן דער מאַמעס שאָטנדיקער גוף, דאָס פאַרטריקנטע לעבל ברויט אויפן צעבראָכענעם טישל, און די שטילע טריט פון די ברידער און שוועסטער ביים אַרויסשלייכן זיך פון הויז און איבערלאָזן מיך מיט דער מאַמען אַליין...

* *
*

צוליב וואָס האָט אונזער אומגליקלעכע משפּחה געלעבט צו-ליב וואָס?

די וועגן פון יעדן איינעם אין דער פאַמיליע זענען זיך יעדן פרימאָרגן פאַנאַנדערגעגאַנגען, און אין די אָוונטן האָבן זיך אַלע צונויפגעטראָפן אין דער היים, ביים צעבראָסטעטן לעבל ברויט...

אין שטומען פאַרגליווערטן פּיין האָט מען פאַרשלונגען די טרערן; די עלטערע האָבן באַוויינט די יינגערע און אַלע — די מאַמע. בעסער איז געווען אויסערן שטוב.

די ענגע פיר ווענט האָבן אין זיך באַגראָבן אַ שטוב מיט מענטשן. דאָס קליינע פענסטערל, וואָס האָט אַרויסגעקוקט צום דרויסן, האָט נאָך בולטער אונטערגעשטראָכן דעם אונטער-שייד צווישן ליכט און פינסטערניש...

צוליב וואָס האָט אונזער משפחה געלעבט, צוליב וואָס?!
וואָלט דען נישט גלייכער געווען, ווען די ענגע פיר ווענט זאָלן זיך צונויפפּרעסן און מאַכן אַ סוף צו אַלע ליידן?— עס שיינט, אַז מיר האָבן געלעבט, כדי זיך צו מאַטערן; כדי אויפצושטיין אַלע אינדערפרי, אַריינצוקריכן אין די צעריסענע בגדים, ווינטער—מיט אַ שמאַטע מער, זומער—מיט אַ שמאַטע ווייניקער, אַרבעטן שווער אַ גאַנצן טאָג, אין קלעם, אין הונ־גער, אין מורא, אין פּיין און יסורים. און צוליב וואָס, צוליב ווען?! — כדי מאָרגן ווידער אויפצושטיין און אַלץ איבערצו־חזרן פונדאָסניי?..
צוליב וואָס האָט אונזער משפחה געלעבט, צוליב וואָס?!

* *
*

פון טאַטן זענען אָנגעקומען אָפטע בריוו. האַרציקע, וואַ־רעמע בריוו. ער האָט געטרייסט די מאַמע, אַז באַלד וועט ער צוריקקומען און אַלץ וועט ווידער גוט זיין, ווי אין דער אַלטער היים...
אָ, טאַטע! ווי ווייניק האָב איך געפילט די וואַרעמקייט פון דיין שויס, ווי ווייניק האָב איך געפילט דיינע צערטלעכ־קייטן, און ווי פּאַרטונקלט שטייט דיין געשטאַלט פאַר מיינע אויגן!
... און דאָך האָב איך געפילט, ווי אַלע מיינע גלידער ברעכן צוזאַמען, ווען איך האָב געקלערט וועגן דיר, וועגן דיין געפעלדיקן פאַר מיר אויסזען, וועגן דיינע מאַטערנישן אינעם קאַלטן סיביר, אין דער פינצטערער תפיסה...

דיינע קאַרטלעך מיט דריבנע אותיותלעך האָבן צעבליט אין מיר געפילן פון אַ זון, ווי עס צעבליט זיך אַ בלום אונ־טער זוניקע שטראַלן... און כ׳האָב צוזאַמען מיט מאַמעשעס ווײַ פּאַרזיפּצט מיינע קינדערשע פרילינגס טעג... אָ, טאַטע!

* *
*

אַפּט זענען אָנגעקומען פון טאַטן זייער טרויעריקע בריוו. און די בריוו האָבן דערציילט פון דער טורמע אין דעם־קאַלטן סיביר, פון לאַנגע מאָנאַטאָנע טעג, וואָס צעפרעסן דעם מידן גוף אין שטיקער בענקשאַפט צו דער אויסערלעכער וועלט; נאָך פרייהייט און גליק, נאָך זוניקע טעג און ליכטיקע פרימאָרגנס — צו רוישיקע גאַסן און צו אַ פריידיקער וועלט, וואָס איז פול מיט אימפּעט, לוסט, מיט קער און מיט דראַנג!

און נאָך, און נאָך האָט ער געשריבן:

ווער קען מיטפילן, ווער? — ווען די טעג זענען שטראָף־רייד. וואָכן — ריטער. חדשים — שטריק, וואָס ווערגן און דערווערגן נישט! — און די יאָרן! — די יאָרן... כ׳האָב נישט איינמאָל שוין פאַרקריצט די ציין... און געשלאָגן קאָפּ אָן וואַנט... און נישט איינמאָל שוין געפאַלן צו דער האַרטער ערד און זיך דרייענדיק אין דרייען געבעטן צו מיין גאָט!

און מיין גאָט? — דער שאָטן, וואָס דראַפּעט זיך מיט שפּיציקע נעגל אין האַרצן און צעפירט דאָס וווּנדיק בלוט פון שפּיצן פינגער ביזן לעצטן האָר פון קאָפּ...

און מאָמענטנווייז איז פרילינג אַ בייסיקער הונט, וואָס גריזשעט זיך איין מיט שוימיקן ביס אינם פלייש, די לבנה —

אַ העליש פייער, און דאָס געזאַנג פון פויגל — דער בייזער טייוול, וואָס קומט אַרויס פון יעדן שפּאַלט, פון יעדן ווינקל און זויגט אַרויס דאָס לעצטע ביסל וואַרעם בלוט...

און דו קנוילסט זיך אין צענען אויפן שטרויענעם בעטל, אויפן האַרטן דיל, און ס'פּאַלט דיין שרעקעוודיקער בליק אויפן צעבראָכענעם טישל, אויפן „זיצשטול" אינעם ווינקל, און די אויערן פאַרנעמען דעם קלוגג פון שומרשע שליסלען, וואָס עסן דיך אַ לעבעדיקן און זאָגן אָן דעם וויטערדיקן גורל...

עס ציט אָן אַ גישט-געזעענער שטריק דעם שלייף צו-נויף...

* *
*

... עס זענען אויך געקומען פון טאָטן בריוו, וואָס האָבן געבראַכט טרייסט-ווערטער און אויך דערציילט וועגן גוטע האָפענונגען... יעדער בריוו האָט געזייעט אומעט אין אונזער קליינעם שטיבל, און אוועקגעלייגט אין דעם שטרויענעם קאָרב אַ נייעם ווונד...

ווונדן אַזוינע האָבן זיך געמערט מיט יעדער וואָך, מיט יעדן מאָנאַט און האָבן געשאַפן אין האַרצן אייטערדיקע מכות...

די גאַסן זענען פול געווען מיט מענטשן. יעדער איינער איז אַרומגעגאַנגען מיט אַ קאָפּ פול מיט זאָרגן. עס זענען אַזוי אַראָפּגעהאָנגען קעפּ מיט זאָרגן, ווי זאַנגען אין פעלד, וואָס גייען אַזוי חברותאדיק און שטאַרבן אָפּ...

ווי גוססע האָבן אומגעוואַנדערט מענטשן, מיט אויסגע-רונענע אויגן, און אין דער שטיל האָבן זיי אַרומגעטראָגן

ליידן פונקט ווי מיר. זיי האָבן די ליידן געצויגן אויף שניר־לעך אין לאַנגע, לאַנגע קרענץ און פאַרשלונגען זייערע ווייטיקן אין שטילן צער, ווי קדושים, וואָס חערן פון זייער גאָט נישט באַוויליקט...

... און יעדער מענטש — אַ פולע וועלט מיט זאָרגן, און יעדער זאָרג — אַ כמורנער וואָלקן, אָנגעזאַפּט מיט שווערן רעגן, אויסצוברעכן אין אַ גוס, אין אַ גוס...

* *
*

אויפן געהעפט ביי אונז האָבן זיך געביטן די שכנים. זייערע דירות זענען נישט בעסער געווען ווי אונזערע; דער זעלבער שינדל־דאַך, די זעלבע אויסגעקרימטע ווענט און די זעלבע קליינע פענצטערלעך, וואָס האָבן קוים אריינגעבראַכט דעם אויסזען פון דער אומגעגנט. צו דער זעלבער צייט האָט זיך פאַרקליבן צו אונז אין שכנות אַ מומע מיט צוויי קינדער.

אונזער שטיבל האָט זיך צעצויגן, און די מאַמע האָט געהאַלטן אַלץ אין איבעררעדן: „אין אַ גוט לעבן, קען מען צורעכט קומען"... און מיר זענען טאַקע צורעכט געקומען. אָבער באַלד איז די מומע קראַנק געוואָרן. מ'האָט זי אַוועקגענומען אין שפיטאָל — — — איך געדענק נאָר, ווען מ'האָט זי צוריקגעבראַכט, ווי מ'האָט זי ווי אַ קרוווקע ביינער אויף די הענט אריינגעטראָגן אין הויז, און ווי אַלע זענען נאָכגעגאַנגען... איר געל־אויסגעפאַרמעט פנים מיט די ווייסל־דיקע אויסגעשטאַרטשעטע אויגן האָבן מיך נאָכגעיאָגט אין

יעדן װינקל פון שטוב און גערעגט מײן קינדערשער פאַנ-טאַזיע מיט חלומות פון בײזע מלאכים!...

איך פלעג אין בין-השמשותן קאָרמען זי מיט ציגן מילך, און זי פלעגט אַ רויקע מיך אָנקוקן מיט מידע, אויסגעלאָשענע אויגן, מיך און אַלעמען אין שטוב, און פאַרגײן אַזוי אַ שטי-לע — ס'זאָל קײנער נישט הערן איר געװײן...

און װען זי איז אַראָפּ פון בעט, האָט זי, אַ שװאַכע נאָך, פאַרװאָרפן דעם זאַק סעמעטשקעס אויפן האַרצן און איז אַרויס פאַרדינען אויף ברויט...

* * *

אַ גוטער חבר — דעם שכנס זונעלע; אַ ײנגעלע פון אַ יאָר צען, מיט ברײטע פלײצקעס, מיט אַן אַנטבלויזט העמדל מיט קורצע, צעריסענע הײזלעך, באָרװעסע פאַרשטויבטע פיסלעך; צעבלוטיקטע, צעקרעלטע — אַ חסידיש היטעלע אויפן שפּיץ קאָפּ, אונטערן קאָזיראָק — אַ פּאָר שװאַרצע זשװאַװינקע אױ-געלעך, אַ לענגלעך נעזל און אַ פלעכטעלע שנאָרך.

מיר האָבן זיך באַפרײנדט װי ברידער. עפּעס האָט אונז פאַרבונדן געמײנזאַמס, אַזױנס װאָס לאָזט זיך נישט אויסדריקן אין װערטער. מעגלעך, אַז דאָס זענען געװען אונזערע בגדימ-לעך, אונזערע נאָגנדיקע מינוטן פון הונגער, װאָס מיר האָבן צוזאַמען פאַרבראַכט און אפשר גאָר אונזער ראָען זיך אין מיסטגרובער, אויף צעבראָכענע בוידעמס און אײנגעפאַלענע קעלערס?...

איך האָב געפילט, װי איך לאָז דאָס הויז הינטער זיך

און טײל זיך אָפּ, װי דער פאַרגײיענדיקער רויך, װאָס צעשװימט זיך אין הויכן חלל און דערקאָנט קוים זײַן אײגענעם קוימען...

כ׳האָב זיך נישט אײנמאָל געשלאָגן „על חטא״ פאַרן איבערלאָזן די מאַמע אין הויז אַלײן, פאַרזונקען אין טיפע מחשבות, אָבער אונזערע װעגן האָבן אָנגעהויבן זיך פונאַנדערצוגײן.

װעמען דאַנקען, אָדער װעמען שילטן פאַר דעם?!

— כ׳װײס נישט.

* *

*

ס׳איז חנאָ בײטאָג. אין חדר גײען מיר נישט. נאָר פאַר די מאַמעס איז עס נישט קײן יום-טוב. מײַן מומע איז נאָך באַגינען אװעק פאַרקויפן סמעטשקעס אויף ראָגן פון גאַסן, און די מאַמע — צו דער װאַלגע מיט אַ „זולוקטע״ גרעט.

בײַ מײַן חבר אין שטוב איז אויך קײנער נישטאָ. נאָר ער און איך. זײַן מאַמע איז אװעק פאַרקויפן פּאַפּיראָסן, די שװעסטער האָט איר געהאָלפן אונטערצוטראָגן. ס׳װעלן הײַנט זײַן אַ סך שפּאַצירער אין די גאַסן.

אין שטיבל הערשט אַ גרויסע ליכטיקײט װי בײַ זון-אונטערגאַנג — מיר גנבענען בשתיקה אַרויס אַ פּעקל פּאַפּיראָסן פון אונטערן בעט און כיכען ציגײַנעריש אויף דער אָפּגעטוענער שטיקל אַרבעט. ס׳איז דאָס ערשטע מאָל, װי איך האַלט אַ פּאַפּיראָס אין מויל; איך הוסט און רויכער. מײַן חבר רויכערט װי אַ געניטער.

נישט דאָס ערשטע „פּעקעלע״ — זאָגט ער — װי ער

רויכערט שוין. ער ווייזט מיר, ווי אַרויסצולאָזן דעם רויך דורך דער נאָז. איך הוסט זיך שטאַרק פאַנאַנדער. מיר זענען פול מיט פרייד און שמחה. מיר שפרונגען און קנוילן זיך איינער איבערן צווייטן, אין די בעטן און אויף דער סאָפקע. אויפן הארצן איז זייער גוט, אין די הויזן שטייפט זיך דאָס אברל...

מיר פאַרקלייבן זיך הינטערן אויוון, דאָרט איז כמעט ווי אינגאַנצן פינצטער. דער רויך טונקלט נאָך מער, מיר רייבן זיך איינער אָן צווייטן ווי יונגע זשרעבעטשיקלעך, פון די שמוציקע וועש דערגרייכט אָן אומאָנגענעמער ריח.

מיין חבר שגויפלט. פון ווינקל האָט זיך אויפגעהויבן אַ פלאַם פייער פון די אָוועקגעוואָרפענע שטיקלעך פאַפּיראָסן; „אַי, אַ קלאָג! — האָט וויינענדיק אויסגעשריגן מיין חבר — מיין העמדל ברענט, מיין העמדל!"

ס'האָט זיך דערהערט אַ קלאַפּ אין טיר. זיין מאַמע איז געקומען נעמען נאָך פּאַפּיראָסן.

* *
*

די שרעק איז אַריבער. אַלץ איז אַדורך בשלום. איין מאַמע איז געגאַנגען צו דער צווייטער. מ'האָט אונז געשטראָשעט, געוואָרנט און אויפגעוואָרפן אויף יעדן שריט און טריט. דאָס איז אָבער גיך פאַרגעסן געוואָרן.

ווען כ'קלער היינט וועגן די דעמאָלדיקע קינדער־יאָרן, זע איך אַ לאַנגע שנור פון טעג, וואָס זענען אויס ווי גליי־טשיקע טרעפּ. באַפּעקט פון אַנאַניזם און פון אויסגעהויכטן אימפּולסיוון קינדערישן אָטעם, וואָס ציטערט מיך אויף און שקרוכלט מיך צונויף.

אַזוי פיל איך איצט מיינע קינדער־יאָרן.

ס'איז שוין מער קיין זינד נישט געווען. און אויב ס'האָט נאָך ווען־עס־איז אַ טיאָכקע געטון אין האַרצן, איז עס אָבער באַלד צעשוווּמען געוואָרן אין אַ וועלט פון זיסע מינוטן.

און ווי האָט עס דערפרישט מיין צעטריקנטן און פאַרי־חלשטן גופל, וואָס איז געווען אַרומגערינגלט מיט אייביקן אוי־מעט און געוויקלט זיך אין שטענדיקע טרערן פון ווייבערשן יאָמער, אין דער איינגעפאַלענער נאַסער כאַלופּע, אין דער אַטמאָספערע פון שטינקענדיקע מיסטגרובנס און קעלערס — קיין איין פריידיק פנים, קיין איין ליכטיקן שטראַל, נאָר פאַרי־שמאַכטע ליפּן מיט צעבראָכענע הערצער.

אָבער איין וואָרעמער פונק האָט געוואַרעמט, נאָר איי־נער...

* * *

די ווינטערס זענען געווען אַן אָנשיקעניש פון גאָט. אין שטוב איז געווען קאַלט, די ווענט און דער סופיט פון דער איינגעפאַלענער כאַלופּקע זענען געווען נאַס. אויף די פענצטער האָבן זיך אויסגעצויגן בעריאָזקעלעך און כלערליי וויזאָנען. דער גרויסער אויוון, וואָס האָט פאַרנומען כמעט אַ האַלבע שטוב, האָט גאָרנישט געקענט העלפן...

אין דרויסן האָבן בייזע קעלטן זיך איינגעגעסן אינם לייב, און טיפע פּושניעס שניי האָבן געגרן אַרומגעכאַפּט די באַשמאַטעטע פיסלעך. אין די נאָזלעכער האָבן געפראָרן דינע הערעלעך, און די שפּיץ פינגער פון די הענט פלעגן אָפט אויפגיין ווי פּוכקע קישעלעך... די מאַמע פלעגט זאָגן:

— טונק די הענט אין קאַלט וואַסער — רייב זיי, רייב זיי אין די האָר!

אין איינעם אַ טאָג אַזאַ האָט מיר דער שנייאיקער פראָסט פאַריאָגט ערגעץ הינטער אַ טיר פון אַ שיין הויז, און אַ צונויפגעדרייטער אין אַ קנויל האָב איך שטיל אַריינגעוויינט אין מיינע שמאַטעס. דער גלימערדיקער פראָסט האָט זיך איזדעקעוועט איבער מיין קערפּער, ס'האָט מיר שטאַרק געגריזשעט אונטער די נעגל, די מאַמעס תּרופה האָט גאָרנישט געהאָלפן, איך האָב זיך געשראָקן אַרויסצונעמען די הענט פון בוזים, איך זאָל זיי נאָך מער נישט אָפּפרירן. איך בין געלעגן אַזוי און געוואַרט ביז דער פראָסט וועט אַריבער...

ס'האָט זיך דערהערט אַ קלונג פון אַ גלעקל. פון די טרעפּ איז אַראָפּגעלאָפן אַ שיקסע, זי האָט אויף גיך געעפנט די טיר און מיט דער פוס מיך אַ טאָרקע געטאָן... — — —

איך האָב אויפגעהויבן מיינע אויגן און דערזען אַן אויסגעפּוצטע פריילין אין אַ ווייסן שירץ און אַ באַברילטן הער. זיי האָבן מיך אויפגעשטעלט פון דער ערד, באַקוקט מיינע צעריסענע בגדימלעך און זיך שטאַרק פאַרחדושט, וואָס מיינע פיס זענען געווען אָנגעטאָן אין קאַלאָשן מיט שטיוולשע כאָלעווקעס. אָנגעקוקט מיך, האָט ער אַראָפּגעלאָזט די האַנט אונטערן פוטער, מיר דערלאַנגט אַ מטבע און אַרויסבאַגלייט:

— לויף, לויף, זשידאָטשעק, אַהיים!...

לויף, לויף, זשידאָטשעק, אַהיים!

IV

אין געראנגל

אײנער אזא װינטער האָט אָנגעטראָגן אין אונזער שטוב א סך פרײד. די ברידער האָבן זיך געשושקעט, זיך געקריגט מיט אומפארשטענדלעכע פאר מיר װערטער, און דער מאמעס פנים האָט זיך געװאָרפן אין ליכטיקע פלעקן, װי דער שײן פון אַן עלעקטרישן לעמפל אין א פינצטערער נאכט.

אין שטוב איז דערפון נישט װאַרעמער געװאָרן. אויך ברויט איז נישט מער געװען, און טײ האָט מען נאָך אלץ גע־טרונקען אָן צוקער אין בלעכענע טעפלעך.

צו אונז אין שטוב האָבן אָנגעהויבן אַרײַנצוקומען פיל מענטשן — די ברידערס חברים פון דער פאבריק און גאס, זײ אלע האָבן זיך ארומגעריסן, באװעגט מיט די הענט, געקנײטשט מיט די שטערנס און געזשמורעט מיט די אויגן.

אין די אָװנטן האָבן די ברידער געזונגען לידער. ס'איז געװען הײמלעך, װען זײ זענען געבליבן אין שטוב און אין ערגעץ נישט געגאנגען. די ברידער האָבן זיך געצויגן און

אויסגעגלייכט די ביינער, זיי האָבן זיך געפּילט קריגס־פּאַיק און געצויגן די מוסקולן... ווייניק זענען אָבער געווען די נעכט, וואָס זיי זענען געזעסן אין שטוב, דאָס רוב פלעגן זיי זיך אומקערן נאָך האַלבער נאַכט פאַרבראָדזשעטע, און מידע פאַלן אויפן האַרטן געלעגער.

די מאַמע האָט מיך געגלעט איבערן קאָפּ און באַגאָסן מיך מיט פריידיקע טרייסט־ווערטער:

— ס׳עט שוין קומען באַלד דיין טאַטע, נישט לאַנג וועט עס דויערן!

אירע ווערטער זענען געווען אַזוי סודותדיק, אַזוי שטיל, אַז איך האָב זיי קוים געקענט הערן.

האָב איך געבענקט נאָך אַ טאַטן?

אין צייטן פון הונגער, ווען כ׳האָב געוויינט און געווען שטאַרק פאַראומערט, זענען מיר בייגעשטאַנען דער מאַמעס טרייסט־ווערטער: „ס׳וועט צוריק קומען דיין טאַטע, און אַלץ וועט ווידער גוט זיין ווי אַמאָל". דאַן האָב איך בעת מיין געוויין און פאַרצווייפלונג אַרויסגעברומט דאָס וואָרט „טאַטע", ווי דער גלויביקער, וואָס רופט צו זיין גאָט! כ׳האָב געוואָלט, ס׳זאָל ווידער זיין ווי אַמאָל... עס זאָל זיך באַווייזן פאַר מיר דעם טאַטנס געשטאַלט, וואָס האָט וואָס־וויטער זיך אַלצמער איינגע־וויקלט אין אַ נעפּלדיקן, כמעט־אומזעבאַרן וואָלקן.

* * *

די מאַמע האָט מיך איין מאָל אַרויסבאַגלייט אין חדר. זי האָט נאָכגעקוקט מיט אַ נאָגנדיקן געפיל אין האַרצן, ווי איך

בין, ראַטעווענדיק זיך פון פראָסט, פאַרשווונדן פון איר אויג, זיך פאַרקירעוועט אין דעם נאָענטסטן געסל צו דער ברייטער, ליכטיקער גאַס.

אויפן ראָג פון אַ גאַס האָט אַ גרופע רוסישע ווייבער געשלאָגן אַ סטראַזשניק; צו דער וואָלגע אַראָפּ זענען געלאָפן פיל אַזוינע סטראַזשניקעס מיט אַראָפּגעריסענע עפּאָלעטן, צע־שלאָגענע פּנימער, צעדראַפּעטע און צעבלוטיקטע — זיי זענען געלאָפן איבערן פאַרפראָרענעם אייז פון דער וואָלגע. גרופּעס מענטשן האָבן זיך געלאָזן נאָך זיי מיט די ווילדע אויסגע־שרייען ווי נאָך גנבים; ס׳איז געווען אַ געמיש פון כוואַטסקע רוסישע ווייבער און געזונטע בורלאַקעס. אַ המון אַ גאַנצער האָט זיך געצויגן פון די שטאָטישע ברייטע גאַסן באַרג־אַראָפּ צו דער וואָלגע, צו דער וואָלגע...

איך האָב זיך געפּלאָנטערט אונטער די פיס פון גרויסן עולם, וואָס האָט זיך דאָ און דאָרט געקליבן אין גרופּקעס, און פריידיקע זיך געטראָגן פון איין גאַס אין דער צווייטער. פון באַלקאָנען, פון הויכע בריקלעך, פון זייף־קעסטלעך, שטולן און טאַבורעטקעס האָט מען געהאַלטן פלאַמיקע דרשות. מען האָט געזונגען לידער. געטראָגן פאָנעס און געשריען. איך האָב נישט געקענט באַגרייפן, וואָס איז עס געוואָרן מיט דער שטענדיק שטילער גאַס!

אין חדר בין איך אָנגעקומען נאָך האַלבן טאָג. דער רבי האָט מיך אָנגעקוקט זייער פאַרוווּנדערט און געהייסן לויפן צוריק אַהיים. ער האָט מיך אויסגעפרעגט, וואָס כ׳האָב געזען אין גאַס, און מיט פאַרדרוס אַרויסגעברומט:

— ס׳אַ פּאָוסטאָניע, לויף אַ היים!

אויפן וועג צוריק, נישט ווייט פון פּאָליציי־„אוטשאַסטאָק"

איז אויף אַ טעלעגראַפן-סלופּ געהאָנגען מיט דער קאָפּ אַראָפּ אַ טויטער סטראַזשניק. אַביסל ווייטער איז אין שניי מיטן פּנים אַראָפּ געלעגן אַ צווייטער, די קאָפּ אַראָפּגעזוימט מיט רויטן בלוט, אין רוקן — אַ שטיקע מיט דעם ביקס צוזאַמען...

אין דער לופטן האָבן זיך געטראָגן שיסערייען, אייגצלנע, צופּעליקע, ווי אויפרייסונגען פון פּולווער. דאָס לעבן האָט פאַרלוירן זיין נאָרמאַלן גאַנג, זיין רויקן אויסזען. אַלץ האָט אָנגעוואָרן זיין גלייכגעוויכט.

אין אָוונט זענען געקומען די ברידער אַהיים, מיט ביקסן אויף די פּלייצעס, און מידע געפאַלן אויפן בעטל.

* *

*

באַגינען איז די ערשטע אויפגעשטאַנען די מאַמע. זי האָט אַרומגעפּאַדעט אַרום די געלעגערס — ווי אַ הון אַרום אירע הינדעלעך — איינגעדעקט מיט איר בעטגעוואַנט די קינדער, זיי זאָלן האָבן אַ וואַרעמען שלאָף...

זי האָט געציטערט פון קעלט, נאָר וואַרעמע געפילן האָבן געצונדן אין איר ליכטיקע האָפענונגען פון אַ נאָענטער גוטער צוקונפט. מעגלעך, אַז דידאָזיקע ברויזנדיקע געפילן האָבן אין דער נאַכט ביי איר אַריבערגעשטיגן אַלע ברעגן און האָבן זי אַרויסגעהויבן פון בעט — און מעגלעך, אַז דאָס זענען אויך געווען אַ מאַמעס געפילן צו אירע קינדער — און אפשר זייביידע צוזאַמען...

נאָכהער זענען אויפגעשטאַנען די ברידער, זיך אויסגעגלייכט אין די סאָלדאַטסקע מאַנטלען, אַרויפגעהויבן די ביקסן

אויף די פּלײצעס און אַרויס מקבל־פּנים זײַן דעם טאָג. אין די גאַסן איז די באַװעגונג געװען אַ שיטערע; מענטשן האָבן דאָ און דאָרט אַרויסגעשטעקט די קעפּ דורך די טויערן פון געהעפטן, „געשמעקט מיט די אויגן", צי ס'איז שטיל, און פאַר־זיכטיק זיך אַרײַנגעצויגן צוריק. ס'האָבן זיך נאָר געזען צע־װאָרפענע פּאַטרולן אין ציװילע קלײדער. דאָס זענען געװען אַרבעטער פון די פאַבריקן, װאָס האָבן געהיט די אָרדנונג אין שטאָט.

ביסלעכװײַז, מיטן אָנקום פון טאָג, האָט זיך די באַװעגונג אין שטאָט פאַרשטאַרקט; פון אומבאַװוּסטע װעגן האָבן זיך אַראָפּגעלאָזן אַ סך מאַטראָסן, װאָס האָבן זיך אַרומגעטראָגן איבער די גאַסן אין גאַנצע כאָפּטעס; זײ האָבן גערויבירט, גע־שכורט, און געשלאָגן אומשולדיקע פאַרבײַגײער.

פון זײַטיקע געהעפטן האָט מען געהערט פאַרשטיקטע קולות — דאָס זענען געװען װײַגעשרײען פון אומשולדיקע מײדלעך...

* * *

אין צענטער פון שטאָט האָט געפלאַקערט אַ פײַער; דער גרעסטער אַלקאָהאָל־סקלאַד איז געװען אַרומגעכאַפּט אין פלאַ־מען. דער סקלאַד איז געװען אַרומגערינגלט מיט היטער, אָבער דער המון האָט זיך דורך זײ דורכגעריסן און זיך געװאָרפן אין פײַער נאָך שנאַפּס, נאָך „װאָדקע".

אין רינשטאָקן פון גאַסן האָט שטראָמיק געפלאָסן דער אַלקאָהאָל. מענטשן זענען געלעגן אויסגעלײגט אויף דער ערד

און געזופט. אַנדערע האָבן געשעפּט אין פּלעשער און שנעל געלאָפן אַהיים.

מײַנע ברידער האָבן זיך דאַמאָל צוריקגעקערט בײַ זון-אונטערגאַנג און אָנגעזאָגט דער מאַמען, אַז זײ װעלן די נאַכט נעכטיקן אין „שטאַב", מיט זײערע חברים, װאָס זײ האָבן מיטגעבראַכט, האָבן זײ זיך געריסן. און מיר איז אויסגעקומען צו הערן מאָדנע אומפאַרשטענדלעכע װערטער: באָלשעװיקעס, מענשעװיקעס, רעװאָלוציע, פּועלי-ציון, בונד און אַנדערע װערטער פון דעם מין, װאָס כ'האָב געהערט צום ערשטן מאָל.

זײ האָבן אויך דערציילט, אַז מ'האָט אַראָפּגעװאָרפן דעם קייסער, און איצט װעט אַלץ גוט זײַן!... ס'װעט זײַן װאָס צו עסן, אַלע װעלן טראָגן רײַנע װעש, מ'װעט האָבן װאַרעמע הײַזער, אַפילו נאָפט—צו ברענען אַ גאַנצע נאַכט דעם לאָמפּ!...

איך בין געשטאַנען בײַם ברעג טיש און געשלונגען זײערע רייד. מײַנע אויגן האָבן געגלאַנצט, מײַן האַרץ האָט געקלאַפּט.

* *
*

איך האָב נישט געקענט באַגרײַפן, פאַרװאָס מ'דאַרף אַראָפּװאַרפן דעם קייסער, כדי צו האָבן ברויט...

„אַראָפּװאַרפן דעם קייסער" — דערדאָזיקער באַגריף האָט עפּעס מאָדנע געקיצלט מײַן קינדערשע פאַנטאַזיע. ער האָט זיך זײער גוט צוגעפּאַסט צו מײַן געדאַנקען-גאַנג. כ'האָב זיך שטענדיק פאָרגעשטעלט, אַז אַ קייסער זיצט אויף אַ הויכן טראָן; מיט אַ קרוין אויפן קאָפּ, און פון זײַן קרוין שימערירן טײַערע דימענטן און בריליאַנטן. אין זײַן האַנט האַלט ער אַ גאָלדערנע

רוט, ביי זיינע פיס ליגן אַ סך קנעכט. זיין גאַנצע אַרבעט באַשטייט נאָר אין קוקן שטרענג אויף די קנעכט, וועלכע האָבן שטאַרק מורא פאַר זיין בליק.

פאַרוואָס אָבער דאַרף מען דעם קייסער אַראָפּוואַרפן פון זיין טראָן?! עסט ער טאַקע אויף מיין עסן?! טראָגט ער טאַקע מיינע קליידער?... כ'האָב עס נישט געקענט באַגרייפן!

און אַז מ'עט שוין דעם קייסער אַראָפּוואַרפן, וועט שוין זיין וואָס צו עסן? — און וואַרעמע קליידער אויך? האָט ער דען די שליסלען צו אַלץ?...

*

*

אין דעם געראַנגל פון אַט-די טעג האָבן זיך אָפּגעשפּילט פאַרשידענע סצענעס. אין די אָוונטן האָט מען וואָס-ווייניקער זיך אַרומגעדרייט איבער די גאַסן. מען איז געווען רויקער און זיכערער, ווען מ'איז געזעסן אין שטוב.

פלעגן זיך צוזאַמענקומען די שכנים פון געהעפט אין דעם אָדער יענעם הויז, און דערציילן זיך מעשיות פון פאַר-גאַנגענע יאָרן, פון די טאָג-געשעענישן און אויך פילאָזאָפירן איבער דער צוקונפט, וואָס רוקט זיך אָן...

האָט אַמאָל דערציילט אַן אַלטיטשקע פון אירע קינדער-יאָרן, פון אירע יוגנט-טעג, וואָס זי געדענקט אַזוי ווי דורך אַ חלום: „ס'האָבן פיינט געהאַט די „באַרינעס" זייערע מענטשן, נאָך מער פיינט געהאַט ווי זייערע הינט; זיי האָבן געשלאָגן זיי, גע-טאָפּטשעט מיט די פיס און קיין ברויט אויך נישט געגעבן! אַ שלעכטע צייט געווען—האָט די אַלטיטשקע געזיפצט—זייער אַ שלעכ-

טע, און מיינע זין, די ביידע זין, האָט מען פאַרשמיסן אין די „טורעמניעס״, פאַר בעטן ברויט!״... האָט די צווייטע דערציילט פון דעם, וואָס זי האָט היינט, גייענדיק פון מאַרק, אונטערגעהערט פון אַ רעדל מענטשן:... „מען וועט שוין מער נישט ליידן פון די „באַרינעס״, איצט שלאָגט מען זיי און מ׳הרגעט, מ׳יאָגט זיי, די „פאַרשיווצעס״, פון די הייזער, אַלץ וועט מען צעטיילן צווישן די אָרעמע, עס וועט זיין אַ גוטע צייט!...״

און דער „סטאַריק״ פון הויז איז זיך געזעסן אַ פאַרשוויצטער אין זיין וועסטל, מיט אַן אויפגעשפּילעטע העמדל, און גיסנדיק שוין דאָס אַכטע גלעזל טיי פון „סאַמאָוואַרטשיק״, האָט ער דערציילט, אַז שוין געווען אַמאָל אַזאַ „פּאָווסטאַניע״ מיט אַ יאָרן צען, צוועלף צוריק, און ס׳איז נאָך ערגער געוואָרן — בעסער זאָל ער זיך דעם צונג אָפּבריען, איידער אַרויסזאָגן וואָס אים ווילט זיך...

אַזוי האָט גערעדט דער „סטאַריק״, אָבער די ווייבער האָבן אים פאַרשריגן, אַז ער ווייסט נישט וואָס ער רעדט!...

אַזוי האָט זיך געוויגט דאָס לעבן, געשפּיגלט זיך צווישן ליכט און שאָטן.

* * *

אין שטאָט און אין די פאָרשטעט האָבן געזשוזשעט געפּאַנצערטע אויטאָמאָבילן. פון דער הויך האָבן אַראָפּגעקוקט אַעראָפּלאַנען, און אויף גאַסן האָבן זיך אָפּגעשפּילט האַרצרייסנדע סצענעס; פון די טורמעס האָט מען אַרויסגעלאָזן פּאָליטישע אַרעסטירטע. אויך קרימינעלע פאַרברעכער האָבן זיך אַרויסגע-

באַפּט פֿון די תּפֿיסות און האָבן אױסגענוצט דעם מאָמענט פֿאַר זײערע צװעקן.

אַלע טאָג האָט מען געהערט פֿון מאָרדן: די צײַטונגען זענען פֿול געװען מיט ידיעות װעגן אױסגעקוילעטע משפּחות, פֿון רויבערײַען, פֿון געשלעגן, פֿון שׂכרות, פֿון סתּם כאַאָסן. אין שטאָט האָבן געקעמפֿט מחנות קעגן מחנות. מײַנע ברידער האָב איך שױן לאַנג נישט געזען אין שטוב. די מאַמע איז געװען שטאַרק אומרויִק, בײַ מיר איז עס געװען אַ שפּיל „אין סאָלדאַטן".

אין שטוב האָט מען גערעדט װעגן „װײַסע" און „רויטע". סטראַזשניקעס האָט מען שױן מער נישט געזען. דעם קײסערס טראָן האָט פֿאַרנומען אַן אַנדער מענטש. — די ברידער פֿלעגן זאָגן: „ער טויג אויך נישט".

די שרעק אַרויסצוגײן אין די אָװנטן אויף די גאַסן האָט זיך געשטאַרקט. יעדעס הויז האָט געמוזט שיקן אַ מענטשן צו היטן דעם הויף דורך נאַכט פֿון גנבֿות און מערדערישע אָנפֿאַלן.

די מאַמע האָט געקלאָגט:

— דערװײַל װערט ברויט גאָר טײַערער פֿון טאָג אויף טאָג!

* *

*

פֿון טאַטן איז אָנגעקומען אַ בריװ. די מאַמע האָט זיך געטוליעט צום קאַלטן אויװן, און טריקנדיק אירע קלײדער, האָט זי געזוכט מיט פֿאַרזשמוריעטע אויגן אין די פֿאַרשריבענע בויגעלעך פּאַפּיר.

אין שטוב איז נישט בעסער, נישט ערגער געוואָרן. דאָס לעבן איז געשטאַנען אויף איין אָרט, ווי די לבנה אין אַ פינצ־טערער נאַכט. רויק, קאַלטבלוטיק האָט דאָס לעבן אַראָפּגע־קוקט פון אַלע ווענט אין דעם חושכדיקן שטיבל, קאַלטבלוטיק ווי אַ גזלן. איך האָב זיך שטיל אַרויסגעגליטשט פון שטוב אויפן הויף און מיט מיין חבר אַרויפגעקראָכן אויפן בוידעם.

מיר האָבן זיך אויסגעבעט אַ געלעגער פון זעק, זיך אַריבערגעצויגן מיט אויסגעקראָכענע ווינטער־מאַנטלען, און גע־פרוווט פאַרגעסן די טעגלעכע זאָרגן...

פּלוצים האָט זיך דערהערט אַ געוויין. איך האָב דער־קענט דער מאַמעס קול, און איך בין פאַרציטערט געוואָרן. איך האָב זיך אויף גיך אַראָפּגעדראַפּעט פון לייטער און אַריינגע־לאָפן אין שטוב.

* *
*

דער דעפּעשן־טרעגער איז געשטאַנען אַ צעטומלטער. די מאַמע האָט געהאַלטן אַ טעלעגראַמע אין האַנט, און איז אומ־געלאָפן מיט צעלאָזטע צעפּ איבערן שטוב מיט יללות. אַ גע־יאָמער האָט זיך געטראָגן פון אַלע אָנווענדע. מיך דערזען — האָט זי מיך אַריינגעכאַפּט אין אירע אָרעמס; געקושט, געוויינט און מיט אַ הייזעריקן טאָן זיך אַלע ווײַלע פאַרטאַיעט: „טויט, דיין טאַטע! טויט!..." איך האָב געוויינט מיט אַלעמען צוגלייך. געקושט די מאַמע און זיך געבעטן ביי איר, זי זאָל נישט וויינען... אָבער וואָס ווײַטער, אַלץ שטאַרקער האָט זי געשריען, אַלץ מער געוויינט!

— אָ, מאַמע! ווי רייסט מען אַרויס פון זכרון יענעם

פאַרנאַכט, וואָס באַגלייט מיך ווי אַ בייזער שטן אויף אַלע מיינע וועגן! — ווי פאַרטרייבט מען פון אויג דאָס בילד, וואָס האָט מיט זיך פאַרגעשטעלט אונזער שטיבל אין יענעם פאַר־נאַכט!—זאָג מיר, מאַמע, און איכ׳ל אפשר קענען רויק לעבן...

דיינע לאַנגע צעלאָזטע צעפּ האָבן מיך דערמאָנט פון דיינע בליענדיקע יוגנט־יאָרן — דיין אויסגעצערט פאַרמעט־פּנים, וואָס האָט זיך צעפאַלדעוועט אין קנייטשן, האָט מיר דערציילט פון דיינע ליידן... און דיין געוויין — דיין געוויין האָט מיך געשטאָכן ווי מיט טויזנט שפּיזן, האָט מיך געברענט ווי מיט הייסער לאַווע.

אָ, נאָך ערגער, ערגער! — שטעך מיר, ברען מיר — אָבער וויין נישט, מאַמע...

אויפן פענצטער איז געהאָנגען אַ פאַרבלוטיקטע שקיעה־זון.

* *
*

אין אייניקע טעג אַרום זענען אָנגעקומען די ברידער. דער עלטערער מיט אַ פאַרבאַנדאַזשירטער האַנט. די מאַמע איז זיי אַנטקעגן געקומען מיט אַ געוויין:

— טויט, טויט דער טאַטע!

זיי זענען שטיין געבליבן און אָנגעקוקט דאָס חרובע שטיבל.

דער עלטערער ברודער האָט אַרומגענומען די מאַמע און אַזוי פאַרשטיינערט געבליבן הענגען אויף איר האַלז:

— וויין נישט, מאַמע, מירן נעמען נקמה פאַר די אומ־זיסטע אומגעבראַכטע לעבנס!...

מיט דער באַנדאַזשירטער האַנט האָט ער שטיל געווישט די אויגן.

דער צווייטער איז געשטאַנען אַריבערגעבויגן איבער דער שוועסטערס בעט און שטיל געשלונגען זיינע טרערן. זיינע אויגן צוזאַמענגעצויגן, און זיינע גבדאַנקען האָבן זיך, קענטיק, קאָנצענטרירט אויף אונזער גאַנץ לעבן.

די ברידער האָבן איבערגענעכטיקט אין שטוב, זיי האָבן אַלעמען געטוליעט און געטרייסט.

מיטן פרימאָרגן צוגלייך זענען זיי אַוועק אויף נייע שלאַכטן.

* *
*

פאָרביי מיסטיקע גריבער, איבער שטיינערנע בערג האָט געפירט אַ וועג צו דער שול. אויף דעם וועג האָב איך פאַרזייעט אַ היפּש ביסל טרערן: דריי מאָל אין טאָג האָט מיך דער וועג אַהין געפירט, און דריי מאָל אין טאָג געהאַלטן אין געשפּאַנטקייט פון טרויער — פון פרימאָרגן ביז שפּעט אין אָוונט.

אַן אויסגעבלייכטער פלעג איך קומען צו גאָט מיט מיינע תפילות, מיט מיינע הייליקע תפילות, וואָס האָבן אַזוי ציטעריק געפליסטערט פון מיין מויל, וואָס האָבן אַזוי נעבעכדיק זיך אַראָפּגעגליטשט פון מיינע ליפּן, און זענען פאַרטויבט געוואָרן אין טומל פון די צענדליקער קדיש-זאָגער, וואָס האָבן געוואָלט איינער דעם צווייטן איבערשרייען, ווי פאַרקויפער, וואָס ווילן בעסער אָנבאָטן זייער סחורה...

די קדיש-זאָגער האָבן אָפּגעזאָגט דעם קדיש אויפגיך, מעכאַניש, און באַלד נאָכדעם פאַרביטן די ענגע שול אויף

דעם גרוימען געהעפט; געפּייפּט, געשפּילט, געזונגען לידער און זיך פאַרציילט פאַרשידענע מעשיות, ווי זיי וואָלטן נאָר וואָס אַרויס פון אַ טעאַטער.

אין מיר האָט געזונגען אַ טרויער. רוישיקע טראָפּן בלוט האָבן אָנגעקלאַפּט אין די ווענטלעך פון האַרצן און האָבן זיך צעפּלאַצט איבערן גאַנצן קערפּער. אויף מיר האָט זיך אויסגעגאָסן די אבלות, פאַר מיר – אַ בייזער שטן.

דאָס לעבן האָט מיר צוגעשטעלט נייע אומעטיקע, טרויעריקע טעג...

* *
*

ס'איז אַ טונקעלער בין-השמשות. אַ צווישן מנחה-מעריב צייט. אַרום טישן זיצן יידן און זאָגן תהילים אויפן קול. איין ייד, אַ צווייטער כאַפּט אַריין אַ קדיש נאָך יעדן יום. מ'לאָזט מיר אויך צו – כ'בין אַ יתום.

אויפן געהעפט ווי שטענדיק יאָגן זיך אַרום קינדער, פאַרשמוצטע, אָפּגעריסענע, פאַרוואָרלאָזטע קינדער – מסתמא ווי איך. אין רעדלעך שטייען די גרויסע און שמועסן פון פּאָליטיק, אַנדערע דערציילן זיך ווערטלעך. ס'אַ גרויסער בין-השמשות. ס'איז טונקל, פון שול לייכטן אַרויס ברענענדיקע ליכט. ס'איז גרוי, ס'איז וואָכעדיק.

דאָס תהלים-זאָגן איז שוין פאַרענדיקט. פון הויף לאָזן זיך אַלע אין שול אַריין. מ'וואַרט אויפן קלאַפּ פון מעריב. איך כאַפּ זיך אַרויס צום בית-הכסא. דאָרטן שטייען נאָך אייניקע. זיי גייען אַרויס, איך האַלט ביים ענדיקן. ס'עפנט זיך

דאָס טירל פון זיך-פּראַץ, און אַ בחור ציט מיך אַריין פאַרן רעקל צו זיך.

— פּיש דאָ — זאָגט ער — וואָס דאַרספטו שטיין דאָרט!

— איך וויל נישט — האָב איך געענטפערט און געפּרוּווט אַרויסגיין.

— שרעק זיך נישט — זאָגט ער — איכל דיר גאָרנישט טאָן.

זיין שמייכל איז געווען תּמעוואַטע, נאַריש. זיינע אויגן קעלבעריש. ער האָט מיך אָנגעקוקט, איך—אים, און ביידע האָבן נישט געוווּסט וואָס צו זאָגן.

פּלוצים האָט ער מיך אַ וואָרף געטאָן צו זיך אין שויס און זיך גענומען צו מיינע הייזלעך. איך האָב אָנגעהויבן צו שרייען. ער האָט מיך פאַרשטאָפּט דאָס מויל, אָפּגעטאָן זיין אַרבעט און אָנגעהויבן צו לויפן. איך נאָך אים! מיט אַ געוויין און מיט אַראָפּגעראָזטע הייזלעך....

נייגעריקע יידן האָבן זיך אָפּגעשטעלט קוקן.

איך האָב זיך פאַרשעמט און זיך צעוויינט...

* *
*

די טעג האָבן זיך געצויגן אין שרעק און אין קלעם.

מלחמות אין שטאָט, מלחמות אַרום שטאָט. הרוגים אויף יעדן ראָג, אין יעדן רינשטאָק... דאָס אויג האָט זיך שוין אַזוי צוגעוווינט צו אָט די אַלע הריגות. די אַלע מערדערייען האָבן שוין מער נישט אויפגעטרייסלט דאָס געוויסן. ס'איז פֿאַרלוירן געוואָרן דער באַגריף „טויטע". פּגרים האָבן שוין דאַן נישט געמאַכט קיין שטאַרקן רושם, ווי הילצערנע שפּאַלן אויף גויאישע מערק.

אָבער איצט? — ווער קען דאָס אַלץ אויסמעקן פֿון זכּרון?...

אויף די גאַסן האָבן זיך אַרומגעשלייכט אויסגעהונגער־טע מענטשן, ווי שאָטנס אין אַן אויסגעשטערנטער ווינטער־נאַכט. הונגער האָט זיך ברייט צעלייגט אין יעדן הויז, הונ־גער האָט פֿאַרכאַפּט גאַנצע שטעט. קעץ, הינט און פֿערדן־פֿלייש זענען געווען אַ לוקסוס, וואָס מען האָט פֿאַר געלט נישט געקענט קריגן...

האָבערנע ברויט, געמישט מיט שטרוי. — אַך, ווי זעלטן דאָס האָט דערגרייכט צו אונדז אין הויז, ווי אויסגעבענקט מיר זענען געווען צו אָט דעם טייערן מאכל. איך געדענק: איך האָב אַמאָל פֿאַרביטן מיין שוועסטער אין דער „אָטשע־רעד" נאָך ברויט. אַ גאַנצע נאַכט איז זי אָפּגעשטאַנען, און עס האָט בעקלעקט דער טאָג פֿאַר מיר... אין אָוונט זענען מיר מיד און אויסגעהונגערט געלאָפֿן אַהיים; זי — פֿאַרויס, און איך — מיטן הייסן פֿונט ברויט אונטערן אָרעם, נאָך איר.

בגנבה האָב איך אויסגעקניפּן אַ שטיק הייסע ברויט און עס האָסטיק געוואָלט אַראָפּשלינגען, די שוועסטער זאָל נישט באַמערקן. צופעליק האָט זי זיך אָבער אומגעקוקט. איך האָב זיך דערשראָקן און זיך גענומען ווערגן מיט דער הייסער קנוטע ברויט... זי האָט מיך קוים אָפּגעראַטעוועט...

מיר פלעגן ברויט קויפן ביי סאָלדאַטן, זיי פלעגן עס האַלטן אָנגעגרייט אין בוזעם. אָבער אונז האָט עס נישט געאַרט: מיר פלעגן אַראָפּבלאָזן די לייז און עס גאַנץ רויק עסן.

איז דער הונגער און דער צער שווער געווען?

אומעטום פיין, אומגליק, ווייטיקן. נאָר אין דעם קאָשמאַר פון צוזאָגנדיקע צייטן האָט עס דאָך נישט געפּענטעט הענט און פיס — נאָר געפירט דורך הונגער און נויט פאָרויס!

אַ מאָדנע וועלט:

דאָ האָט מען געקליבן געלט פאַר די הונגעריקע און ליידנדע, און גלייכצייטיק האָבן אַרמייען געמעקט פעלדער, פאַרברענט שפּייכלער, געהרגעט, פאַרטיליקט מענטשן, שטעט, טויזנטיאָריקן האָב און גוטס. און צו דעם אַלעם — אַ צוגאָב: פּאָגראָמען אויף יידישע שטעטלעך. מען האָט צעראַבירט, רואינירט, וואָס דורות האָבן געבויט, געשאַפן...

* * *

... אייביק וועל איך דעם איינדרוק נישט פאַרגעסן. דעם איינדרוק, ווי אַ צעיושעטע מחנה לויפט-אָן אויף אַ הילפלאָז יידיש שטעטל מיט אויסגעהונגערטע יידן; פאַר-

לוירעגע יידישע איינוווינער, פאַרצווייפלטע, איבערגעגעבן אויף רויב און אומקום. פאַרשמאַכטע פּנימער, רחמנותדיקע אויגן — צעשראָקענע — וואָס וואַרטן אויף זייער טויט...

ווער קען פילן אָט דעם פּיין. און בלייבן דערביי גלייכגילטיק, ווער?!

הפקרדיקע אַרמייען האָבן בלוטדורשטיק באַזונגען זייער נצחון מיט פאַרגוואַלדיקן יונגע יידישע טעכטער — און געשטילט דעם צאָרן פון זייערע מפלות מיט אָפּגעהאַקטע יידישע קעפּ, אָפּגעשניטענע ברוסטן, אויסגעפליקטע בערד, — מיט אָפּגעשניטענע הענט און פיס, מיט אויפגעשניטענע בייכער———

מיט יידיש בלוט, מיט יידיש מאַרך!

ווער קען פילן דעם דאָזיקן טרויער און בלייבן גלייכגילטיק — ווער?! מאַכט-צו די אויגן און זעט און פילט, וואָס איך. מאַכט-צו די אויגן און שווייגט אַ ווײַלע, און זאָל אייער שטילקייט זיך אויסמישן מיט דער פאַרבלוטיקטער זון, וואָס דערמאָנט אָן דעם בלוט פון טויזנטער הרוגים, וועלכע האָבן ווי מיט טויזנטער שפּיזן אָנגעשטאָכן מיר דעם גוף, צעבלוטיקט דאָס האַרץ... אַז ווי איך ריר זיך צו, דוכט זיך מיר, אַז עס רינט אַראָפּ אַ שטיק פאַרגליווערט בלוט, און ווי איך קער זיך, דוכט זיך מיר, אַז עס צאַפּלט-אויף אַ לעבעדיק שטיק מאַרך...

מאַכט-צו די אויגן און הערט די שטימען פון אַלט און יונג, וואָס האַמערן אין מיינע אויערן, שרייען אַרויס פון קעלערן, פון סקלעפּעס, פון מיסטגרובן און בוידעמער מיט די לעצטע קרעכצן פון פאַרגייענדיקע לעבנס, און טרייבן מיך, אַ יונגן, צום גרויען עלטער, צום טיפן גרוב...

מאַכט-צו, מאַכט-צו די אויגן אויך איר, און פילט דאָס אייגענע וואָס איך. און זאָל דאָס צאַפּלדיקע בלוט פון די הרוגים

אָנפילן כאָטש אויף איין רגע אייערע אָדערן, פונקט ווי מיר אַ יעדע שעה, אַ יעדן טאָג...

וואָס יאָגט מיך אַזוי כסדר אויף ווייטע וועגן, אין איינזאַמע פעלדער, אויף פוסטע, אָפּגעגעסענע פּלוינען, ווייט אַוועק פון מענטשנס אויג?

עס שרעקט מיך דאָס בלייכע ווייסקייט פונם טאָג, וואָס דערמאָנט אָן אויסגעבלייכטע, טויטע פּנימער. עס שרעקט מיך די זון, וואָס דערמאָנט אָן בלוט, בלוט, בלוט... בלוט פון הרוגים און בלוט פון די פאַרגאָסענע אויגן ביי די צעיושעטע כוליגאַנעס...

* *
*

בישט ווייט פון דער שול האָט געלעבט מיין פעטער, דעם טאַטנס אַ ברודער, ער האָט מיך צוגענומען צו זיך, — עס זאָל מיר נאָענט זיין צו דער שול.

די משפחה האָט געלעבט אין אַ קעלער, מיט זעקס קליינע קינדער, אין נויט און דחקות, ווי מיר, ווי פיל אַנדערע.

אין אונזער פאַמיליע האָב איך קיינמאָל נישט געהערט קיין קללות—קיינמאָל נישט! נאָר די לעצטע צייט האָבן קללות זיך אָנגעהויבן דורכצווייען דורך די ציין. אָבער באַלד האָט מען זיך צוריק פאַרכאַפּט:

— נאָך ווייניק פאַרשאָלטן זענען מיר, נאָך ווייניק?...

דער פעטער איז שטענדיק אומגעגאַנגען אַ פאַרצאָרנטער, און קענטיק, אַז אים איז שווער געווען איבערצוטראָגן די ליידן פון זיין ברודערס טויט. ער האָט ווייניק גערעדט, ווייניק גע-

ווײנט — נאָר שטיל זיך געפּײניקט. צום סוף פון די שלושים נאָך מײן פאָטערס טויט איז ער געשטאָרבן.

אַ געיאָמער פון פרויען און קינדער האָט מיך אויפגעוועקט פון שלאָף און אַראָפּגעהויבן פון מײן געלעגער, פון דעם הילצערנעם קאַסטן. דאָ האָב איך צום ערשטן מאָל געזען אַן אַנדער מין „טויט", נישט אַזאַ ווי כ'האָב אין משך פון היפּשע מאָנאַטן זיך אָנגעזען אין גאַסן און אין די פאָרשטעט. אויפן דיל איז געלעגן אַ שטילער, אַ שווײַגעוודיקער דער פעטער. אַרום אים האָבן געברענט ליכט, און די מומע איז געלעגן איבערן טויטן און אײַנגעריסן וועלטן.

נאָכהער איז געקומען אַ שוואַרצער וואָגן און האָט אַוועקגעפירט דעם מת... מער האָב איך דעם פעטער נישט געזען... אַזוי מסתּמא האָט מען אויך געטון מיט מײן טאַטן. דאָרט האָט מסתּמא קײנער נישט געווײנט.

צווײ משפּחות זענען געבליבן אָן פאַרדינער. און בײדע משפּחות האָבן אין יענע טעג באַשלאָסן צו פאָרן צוריק אַהײם. צוריק, צוריק...

V

צוריק אהיים

די מאַמע האָט פאַרקויפט די מעשענע לייכטער, דעם מעשע-נעם סאַמאָוואַר, און מיר האָבן זיך גענומען גרייטן אין וועג אַריין. די ברידער האָט מען באַפרייט פון זייער פליכט, און מיט אַ האַלבן מויל האָבן זיי צוגעשטימט:

— יאָ, מיר'ן פאָרן צוריק אַהיים!

אין שטוב איז אין דעם טאָג געווען אַ צווייטע לוויה. די פינף שווערע מלחמה-יאָרן, וואָס האָבן זיך דורכגעקייקלט אין אונזער לעבן, זענען איצט געשטאַנען פאַר די אויגן, ווי אַ זייל פאַרגליווערטע וואַסערן, ווי אַ צונויפגעזאַמלטע קופּע שטיינער.

מ'איז געזעסן שטיל און רויק; נישט גערעדט, נישט גע-וויינט, נאָר געשוויגן. פאַר יעדערן באַזונדער האָבן זיך אויפגע-וויקלט די פינף וואָגלענדיקע יאָרן, ווי אַ לאַנגע שנור פון צעריסענע טרוימען, פון צעפליקטע סטרונעס.

דאָס שטעטל, דאָס שטיבל מיטן געטאָקטן גאַניק, דער געהעפט, דאָס סעדל, דער הויף, די שכנים. פריידיקע טעג,

שפּילעוודיקע נעכט. היימישע פרילינגס, היימישע זומערס; וועל־דער, לאָנקעס, פעלדער, טייכלעך. היימישע הארבסטן, היימישע ווינטערס.

יאָ, דאָס אַלטע שטיבל: וואַרעם, ליכטיק, ציכטיק — אַ גאַנץ לעבן. און נאָכדעם — מלחמה; וואָגלענישן, היימלאָזיקייט, ליידן, אַרעסטן, הונגער, בירגער־קריג, פּאָגראָמען, שלאַכטן... און איצט — צוריק, צוריק צו דעם אַלטן. אָבער דער צוריק איז שוין מיט צעבראָכענע געמיטער, מיט אויסגעמאַטערטע קרעפטן, מיט צע־טריקנטע ביינער. דאָס אַלץ איז פאַר אונז אַלעמען אויפגעקומען אויפן געדאַנק איצט, איצט אין אָט דעם מאָמענט, ווען מ׳האָט זיך געקליבן צוריק, צוריק אַהיים.

אַלע האָבן דאָ אין דעם ווינטער איבערגעלאָזט נאָענטע לעבנס, שטיקער פון אייגענע לעבנס.

ביי אַלעמען איז דאָס געמיט געווען געבראָכן.

מיט אַראָפּגעבויגענע, באַיאָכטע קעפּ האָבן די ברידער אונטערגעפּייפט, און, וועלנדיק טון דער מאַמען אַ גרויס גע־פעליקייט, האָבן זיי זיך אַ נעם געטון צו פּאַקן די פּעק...

* *
*

אַדיע, אַדיע...

דער דאַמפּער האָט זיך פונאַנדערגעוויגט, אויסגעפּייפט זיין לעצטן „זיי געזונט״ און גענומען זיך רירן פון ברעג... מען האָט זיך געלאָזט שווימען. עפּעס האָט זיך אַ ריס געטון אין האַרצן. מען פאָרט אַהיים. און פון ווייטן האָבן זיך טויזנטער עלעקט־רישע לעמפּלעך, צעוואָרפן איבער ברעג און איבער טאָלן פון

דער גרויסער שטאָט, פרעמד און דאָך הארציק, צוגעשאָקלט צו אונז: „פאָרט געזונט"...

אָן אָפּגעשלאָסענע מלוכה איז זיך רויִק געשווומען איבער די וואָלגישע וואַסערן, געשווומען דורך לאַנגע טעג און וואָלגישע חלומדיקע נעכט...

אויף דער יבשה האָט נאָך אַלץ בלוט געפלאָסן ווי טייכן וואַסער. אויך צו אונז אויף דער שיף האָבן דערגרייכט קנאַלן פון האַרמאַטן, ווי דונערן אונטער דיקע וואָלקנס. אָבער די שיף איז רויִק געשווומען צו איר באַשטימטן ברעג, געפירט אַ גרופּע גוססע נפשות מיט בענקשאַפט און לעכצעניש צו זייער אַלט-נײַלאַנד...

די שטאָט, ווו כ'האָב אָפּגעלעבט מײַנע קינדער-יאָרן, איז איצט פאַרשוווּנדן פון מײַנע אויגן, ווי אַ צאַנקענדיק ליכט, וואָס גייט אויס, גייט אויס... ווי אַ ליכט, וואָס ראַנגלט זיך מיט אירע לעצטע שטראַלן.

אָבער איר אויסזען האָט נאָך געטליעט אין מײַן זכרון: אָט זע איך דעם „בליענדיקן" מיסטקאַסטן, און אָט דעם „טאָל-טשאָק", מיט זײַנע אָפּגעריזשעטע, אָװעקגעוואָרפענע עפּל, מיט אָפּגעביסענע בלינצעס און מיט קולות פון טאַטערן, פון אַרמיי-נער און כינעזער — און קינדער באַרוועסע און פאַרשנאַרכערטע, וואָס קוקן הונגעריקע יעדן אינעם מויל אַרײַן... מײַן גאַנץ וועלטל לעבט אויף פאַר מיר, ווי אַ פאַרגליווערטער דענקמאָל, וואָס וויל זיך פון אָרט נישט רירן און ציט מיך צוריק... צוריק צום אָפּגעשווומענעם ברעג...

און אויך אָפּגעריסענע זכרונות, פאַרנעפּלטע, שווימען אויף; טונקעלע, שוין האַלב-פאַרגעסענע. פון זאַטע יאָרן און צערט-לעכע ווערטער, פון היימישן אָפּגעבליאַקעוועטן שטעטל, פון

קוזשיקלעך און הויפן, זכרונות פון יאָרן, נישט קיין הונגעריקע — זכרונות פון זאַטע, זאַטע יאָרן...

און — — —

אינמיטן שווימט אַ שיף...

*   *

*

...נאַכהער האָבן געפייפט באַנען.

זיי האָבן זיך געטראָגן שווער-באַלאָדענע, ווי אַלטע זיי-דעס, ווי מעוברתדיקע ווייבער. פאַרביי אָפּגעמעקטע פעלדער, פאַרביי חרובע סטאַנציעס, פאַרביי אָפּגעגראָבענע אָקאָפּעס און שטעכיקע דראָטן.

פונוויטן האָט דאָס אויג אויפגעכאַפּט שטיקלעך פון צע-ריסענע שינעלן, רעשטלעך פון נישט-אויסגעשאָסענע האַרמאַטן-קוילן, פון פליגלען פון עראָפּלאַנען און פון איינגעזונקענע פו-לעמיאָטן, וועלכע האָבן אַרויסגעקוקט פון דער ערד, ווי סאָל-דאַטן פון אָקאָפּעס...

אומעטום — אָפענע ווונדן, נאָך נישט-פאַרהיילטע, וואָס האָבן נישט געלאָזט פאַרגעסן פון דעם שווידער, און נישט געלאָזט אָפּרוען די אָנגעצויגענע נערוון...

מאָנאַטן-לאַנג האָבן מיר זיך אומגעשלעפּט פון סטאַנציע צו סטאַנציע, אָפּגעשטאַנען דאָ און דאָרטן טעג און וואָכן. מיר האָבן געטרונקען „קיפּיאַטאָק" און געהונגערט, זיך געמאַטערט אין די שטינקנדיקע פראַכט-וואַגאָנעס, וואָס זענען געווען פול געפּאַקט צו פינף און צו זעקס משפּחות אין אַ וואַגאָן. די אויבערשטע נאַרעס האָבן אונטערגעפּישט די מיטלסטע, און די מיטלסטע — די אונטערשטע...

באַנען האָבן געפּייפט. באַנען האָבן זיך געשלעפּט; פאַר־לעך האָבן זיך באַהעפט, יחידים האָבן אָנאַנירט. קינדער האָבן געשריען. שטולגאַנג האָט מען געהאַט פאַר אַלעמען אין די אויגן —

באַנען האָבן געפּייפט, באַנען האָבן זיך געשלעפּט, און מיר — מיט זיי.

* * *

...און דערנאָך האָבן פורן זיך געשלעפּט אויף צעבלאָטיק־טע טראַקטן, אויף אַלטע אויסגעפאָרענע וועגן.

אונזער משפחה האָט זיפצנדיק דערמאָנט אַמאָליקע מעשיות פון די אַרומיקע געגנטן.

— דאָ האָט געלעבט——דאָ איז געבוירן געוואָרן——— דאָ איז זיך פאַרלאָפן——און דאָרט...

מיינע ברידער האָבן איבערגעלעבט אַ טראַגישע צייט, אָבער זיי האָבן געשוויגן. קענטיק, נישט געוואָלט מצער זיין דער מאַמען... אָבער למאַי שרייען?—איז דען שטילער צער נישט ווייטיקדיקער?... אויף זייערע פּנימער האָב איך געקענט לייע־נען, אַז זייער לעבן איז איצט צעבראָכן — צעבראָכן, ווי די הילצערנע צלמים, וואָס האַלטן אָט-אָט ביים אומפאַלן...

פונווייטן איז אויפגעגאַנגען דער צלם פון דער טיפלע. די הערצער האָבן אָנגעהויבן צו קלאַפּן שטאַרקער, די פערד האָבן גיכער גענומען לויפן, די אויגן — מער אָנגעשטרענגט. אָט זענען מיר שוין נעבן דער מיל, אָט — נעבן דעם שטיינער־נעם בריקל, אָט פליסט פּאַזשע דעם וועג די נעוויאַזשע, אָט איז

דער וואַלד — דער וואַלד!... און אַט זענען מיר נעבן דעם פּריסטאַווס הויז — — —

אָ פּ ג ע ב ר ע נ ט? טאַקע אָפּגעברענט!... פּונוױיטן זע איך היפּשע בערגלעך קבֿרים. דאָ און דאָרט שטײען אײנצלנע הײזער פֿאַריתומט, װי קדיש־זאָגער אין אַ שול...

און פֿורן, פֿורן האָבן זיך געשלעפּט אויף בלאָטיקע טראַקטן, אויף אַלטע פֿאַרוואַקסענע וועגן...

VI

אויף די חורבות פון שטעטל

...אָ, שטעטל מיינס!

איך האָב געמיינט, אַז איך וועל דיך געפינען אַ לעבעדיקס, אָבער אויך דו האָסט מיך אַנטוישט...

כ׳האָב געמיינט, אַז דו וועסט אויפלעבן אין מיר און אומקערן מיר מיינע „אַלטע" קינדער־יאָרן...

כ׳האָב געהאָפט... אָבער דו ביסט מאַכטלאָז געלעגן אַ פאַרשאָטנס מיט אָפפאַלעכטס, אַ פאַרוואַקסנס מיט גראָז און געאָבלט...

אָ, ניין!

איך ווייס, דו ביסט נישט שולדיק אין דיין חורבן... איך וועל דאָך געפינען אין דיר מיין טרייסט. דו וועסט מיך אַרומנעמען אין דיינע אָרעמס און מיך איינוויגן...

אָבער איצט!

שטיי אויף, מיין שטעטל, און לאָמיר רייסן קריעה אויף דאָס אַלטע, אַלטע, וואָס איז שוין טויט...

שטייט אויף, איר אבלים! איר, איינצל־פאַרבליבענע כאַטקעס, — גענוג צעטרויערט טעג אין דער איינזאַמער וויסטע אַליין, גענוג!



אויף די חורבות פון שטעטל

אָט איז דער וואַלד, אונזער אַלטער גוטער וואַלד. — לאָמיר אַוועקוואַרפן אונזער אומעט און לאָמיר צעווייגן אונזערע אָרעמס...

און אָט איז דאָס פעלד! איז עס נישט קיין בית-עולם פאַר אונזערע אויגן? —

* *
*

...בערגלעך ליימיק ערד זענען געלעגן אויסגעצויגן איינס נעבן דעם צווייטן. טיפע גרובן און אָפענע סקלעפּעס, ווי וועלפישע מיילער, האָבן אַרויסגעקוקט, ווי נאָך אַ רויב... ווי אַ תהום, וואָס האָט נאָר-וואָס פאַרשלונגען זיין קרבן...

איבער די חרובע בערגלעך האָבן זיך געזען די ציגלנע ווענט פון דעם אַלטן בית-מדרש, וועלכע זענען פאַריתומט געשטאַנען אָן אַ היטל, מיט אַ צעשאָסענעם גוף... זיי האָבן געטראַכט פון אַלטע פאַרגאַנגענע יאָרן... סאָראָקעס האָבן זיך געפלאָדעט אין די שפּאַלטן פון די ווענט, און סאָוועס האָבן אימהדיק געקאָוואָטשעט זייער נאַכטישן קוואַק...

פונוויטן האָבן געשראָקן ווייסע אומגעפאַלענע מצבות, אַ צדיקים-שטיבל, באַוואַקסן מיט מאָך און לאַנגע אויסגעוואַקסענע שטרוי, האָט האַלב-ליגנדיק, האַלב-שטייענדיק געשראָקן פאַרביי-גייער. אַ גראָבער דעמבענער בוים, אַן אָפּגעטריקענטער האָט זיך פאַרצווייגט איבערן בית-עולם און אַ פאַרטרויערטער זיך געשפּיגלט אינם דערבייאיקן טייכל. שוואַרצע ראָבן האָבן אויף אים אויסגעקראָקעט זייער טרויעריקן געוויין... אַלץ אַרום האָט געוויינט:

געוויינט האָבן מענטשן,

געוויינט האָבן פייגל,
און געוויינט האָבן די אַלטע פאַרבליבענע הייזקעס.

די איינצלנע איבערגעבליבענע „כאַטקעס״ מיט מאָך-באַוואַקסענע דעכער און אויסגעקראָכענע פענסטער, מיט אָראָפּגעריסענע קוימענס און צעקרומטע זייטן, האָבן געבויגן זייערע קעפּ צו דער בלאָטיקער ערד, צו דעם טיפן זומפּ מיט זיינע לוזשעס און לוזשקעלעך, ווי שטיבלעך האָבן זיך איינגאַנצן געטרונקען...

אויף ליימיקע בערגלעך און אין בלאָטיקע קעלערס האָבן פאַרזויערטע מענטשן מיט לאָפּאַטעס און גראָבאייזנס געזוכט די אַלטע פאַרגראָבענע אוצרות, די קופּערנע כּלים, און אויף וועגן פאַרוואָקסענע האָבן זיך געפּאַסעוועט נייע דיקע ליניעס פון הויכע וועגענער מיט פול-אָנגעפּאַקטע מענטשן, וואָס האָבן זיך צונויפגעטראָפן אויפן אַלטן שטעטלשן מאַרק-פּלאַץ...

* *

*

די לאַנגע רייען בודעס, וואָס האָבן אַרומגעצאַרטלט דעם אַלטן מאַרק, זענען איצט געווען אָפּגעגעסן מיטן וואָרצל. די הויכע שטיינערנע פונדאַמענטן זענען געלעגן איבערגעקערט און אָפּגעוואָרפן פון אָרט, ווי אָפּגעריסענע טיילן פון מענטשלעכע גופים...

דער גרויסער פּלומפּ, מיט וועמענס וואַסערן ס׳האָבן זיך געשטילט די פויערשע פערד אין די זומערדיקע היצן, איז איצט

געווען פאַרוואָקסן מיט גרינעם זשאַווער, האַלב-פאַרשאָטן מיט ערד און מיט אָפּגעבראָכענע ברעטער...

אַלץ אַרום האָט געאָטעמט מיט שטילע זיפצן, אַלץ האָט דערוועקט טיפן צער און אַרויסגערופן דעם פאַרלאַנג צו נייע וואַנדערונגען... אָבער וווהין?... ווידער פאָרן אין די פרעמדע, אַכזריותדיקע ווייטן, ווידער איבערלעבן שווערע ליידן פונדאָסניי, ווידער חלומען פון אַן אַלטער היים?

— ניין!...

ליב איז דאָ די פיין פון גרויע פאַרנאַכטן, וואָס גנבענען זיך אונטער פון ווייטן סטעפּ, און פולן אָן דאָס האַרץ מיט שטומען פיין, און ליב איז דער מורמל פון שטילע וואַסערן, וואָס פּלאַפּלט שטיל און רויק, און טייער איז דער רויש פון סאָסנאָווע ביימער, וואָס טראָגט זיך אָן פון דערבייאיקן וואַלד, און ליב איז דער ווינט, וואָס פייפט אַרויס פון צווישן די „הושענא"-ביימלעך...

אומעט, גרויע וואָכעדיקייט אויף אַלע וועגן, וועלכע קומען זיך צונויף פון פעלד, פון וואַלד, פון חרובע ווענט, פון בערגלעך ערד, פון סקלעפּעס און רואינעס.

דאָך איז ליב דאָ יעדער טראָט...

* *

*

צווישן די אָנגעפּאָרענע משפחות אין שטעטל האָט זיך אויך געפונען איצע דער לערער, — אַ ייד מיט אַן אונטערגעשוירן בערדל און מיט ברילן אויף דער נאָז, וואָס האָבן אים געגעבן

דעם אויסזען פון אַן אינטעליגענטן מענטשן, פון אַ פאַרמלחמה־דיקן אַפּטייקער...

ער האָט אַרומגעבלאָנקעט איבער די גאַסן איינזאַם, אַליין, אָן אַ קנעלונג, און געקוקט אויף יעדער פּור, וואָס האָט זיך אַראָפּגעלאָזן אין שטעטל צו זען, וויפל קינדער עס זיצן דאָרט אויף דעם בעטגעוואַנט?...

איצע דער לערער האָט דערצויגן דאָס גאַנצע שטעטל פאַר יאָרנלאַנג... אַלע האָבן געקענט שרייבן אַ לאַטיינישן אַד־רעס, און אַלע האָבן געקענט די „טאַבליצאַ אומנאָזשעניאַ"... דאָס איז שוין געווען אַ קורס אַזאַ, וואָס איצע דער לערער פלעגט דורכמאַכן מיט זיינע תּלמידים. דעריבער האָבן אויך איצט די מאַמעס און טאַטעס זיך געווענדט צו דעם „לערער", ער זאָל דערוויל צונעמען כאָטש די עטלעכע קינדער, וואָס זענען שוין דאָ.

איך בין מיט מזל ווידער געוואָרן אַ תּלמיד.

אין די פיר צעשאָסענע ווענט פון חרובן בית־מדרש איז לעבן געבליבן דאָס „שטיבל", ווו ס'פלעגן אַמאָל ישיבה־בחורים לערנען פאַר זיך. פון דאָרט האָט מען איצט אַרויסגעשלעפּט די צעבראָכענע ברעטער, די אומגעוואָרפענע ציגל און אַוועקגעשטעלט אַ פאָר הילצערנע בענק מיט אַ טיש, און איצע דער לערער האָט אָנגעהויבן צו קנעלן...

נאָכהער זענען צוגעקומען נאָך קינדער, און נאָכהער זענען צוגעקומען נאָך מלמדים, וואָס קוקן איצט אויס אויף די יינגלעך, ווי אַ חברה לונאַטיקער, צעשראָקענע לוחות, ווילדע בראָאים — אומנאָרמאַלע טיפּן, וואָס רופן אַרויס אי מיטלייד, אי געלעכטער...

* *
*

א טבע אַזאַ פון אַ רבין: אַרומצוגיין מיט אַן אָפענעם „קראַק"‚ מיט פונאַנדערגעשפּילעטע הויזן און האַלטן אַ קליין מיידעלע אויפן שויס. אַ יינגעלע איז אויך רעכט געווען, מאַכט נישט אויס אַ קרעציקס, צי אַ ריינס — קיין נפקא-מינה...

און ווען קינדער פלעגן זאָגן אַרום טיש דעם פסוק חומש, פלעגט ער אַ פאַרגאַפטער זיצן מיט אַן אָפן מויל און סמאָטש-קען אַ זויערע באָמבאָנקע... קינדער האָבן נישט איינמאָל זיך געשפּילט איבערן רבין, ווען ער פלעגט אַ מידער דרעמלען בייַ דער הייסער לעזשאַנקע, אין ווינטערדיקע בין-השמשותן, מיט אָפן-צעשפּילעטע הויזן...

אין אָט די שפּילערייען האָבן אָנטייל גענומען מיידלעך און יינגלעך צוזאַמען. און די יונגע קינדער האָבן דערפון שטאַרק הנאה געהאַט. מען האָט דערבייַ געקוקט אויף די מיידלעך, און זיס איז געווען און אָנגענעם...

מיין רבי יאַנקל עלי — אַ ליכטיקן גן-עדן זאָל ער האָבן...

* *
*

און משוגעים זענען אויך אָנגעקומען אין שטעטל... און קינ-דער האָבן מיט זיי געפירט אַן אייביקן קאַמף: אין שול בייַם דאַווענען, אין גאַס, אין הויז—אומעטום האָט מען זיי דערטאַפּט,

זיך גערייצט מיט זיי, אויפגעוואָרפן זיי פלערליי זלזולים, און זיי האָבן זיך נאָכגעיאָגט, געוואָרפן שטיינער, שייטלעך האָלץ, געשריען, געטומלט, געשאָלטן און געשריען, ווי דאָס קאָווטשען פון משוגענע הינט.

שמואלקע איז געווען אַ שטילער, אַ געלאַסענער משוגענער. ער האָט קיינעם נישט געטשעפּעט, קיינעם נישט געשלאָגן. פאַרקערט, ער האָט ליב געהאַט, מ׳זאָל מיט אים זיך טשעפּען, מ׳זאָל קוקן אויף אים „פאַרדעכטיק״... דאַן פלעגט ער, ווי אַ „נאַראָוויסטער״ פערד, וואָס קוקט אויף הינטערוויילעכטס, וואַרפן בליקן צו דער חברה:

— איר ווילט זיך שוין ווייטער טשעפּען?

זיין שוואַכקייט איז געווען אַ „סווישטש״, און קען מען דען אויסמיידן אַ סווישטש אין רעדן, אין דאַווענען? — אַז אויף יעדן צווייטן-דריטן וואָרט פאַלט-אויס אַ „ש״, אַ „ס״, און אַז מען וויל שטאַרק, איז דאָך אַ „ת״ אויך מעגלעך אויסצורעדן מיט אַ סווישטש...

פלעגן קינדער נישט-דערגעסענע, נישט-דערשלאָפענע, באַשאָטענע מיט פּאַרווס פון קאָפּ ביז די פיס — פאַרגעסן זייער עלנט אין אַזעלכע „הימלעכע״ פאַרנאַכטן מיט שמואלקען, און אויסבייטן זייער ווייַ אויף שמואלקעס ביטערן געוויין. פאַרגעסן זייער אייגענעם פּיין דורך דעם פאַרגעניגן, וואָס שמואלקע האָט צוגעשטעלט מיט זיינע קללות, וואָס ער פלעגט אויסגיסן אויף זיך אויף די קינדער און זייערע טאַטעס...

דאָס בעסטע מיטל, מיט וועלכן די קינדער פלעגן לייכט אַרויסרופן שמואלקעס כעס, איז טאַקע געווען אַ פייף, אַ סווישטש, וואָס האָט געזאָלט מיינען, אַז ער איז אַ בהמה. צו אַ בהמה פייפט מען און צו אים פייפט מען אויך... אָבער אויסער דעם

האָבן נישט געפּעלט נאָך אַ גאַנצע רײ אַנדערע מיטלען: ווי רופן אים „משוגענער", „בלעכענער שפּיץ". דאָס האָט געהאַט אַ טרויעריקן הינטערגרונט. אויף זײַנע אָפּגעריבענע שפּיצן פון די קלומפּעס האָט ער, אַנשטאָט פעל, אַרויפגעלייגט בלעכענע לאַטעס... „צינקע" — דאָס איז געווען דער נאָמען פון אַ בהמה... און לסוף „דרייסיק" — דאָס האָט געמיינט, אַז ער האָט מזנה געווען, און עס קומט אַרויס פון אים דרייסיק פעניק, וועלכע ער באַצאָלט נישט...

כ'געדענק, ווי איינמאָל האָט זיך דער גאַנצער חדר אויפגעהויבן פון טיש און אַרויסגעלאָפן אין גאַס, דערהערנדיק שמואל־קעס ווילדן געשריי. אַ חברה בחורים האָבן אַרײַנגעפּירט שמואל־קען אין אַ הויז און געפּרוווט „מאַכן אים פאַר אַ מענטשן"... לכתחילה האָט מען אים געגעבן גוט אָפּצועסן און אָפּצוטרונקען און נאָכהער, ווען ער איז שוין געווען זאַט, האָט מען אין אַן אויפגעלייגטן צושטאַנד אָנגעהויבן איינטענהן מיט אים, ער זאָל זיך נישט אויפרעגן, ווען מען טשעפּעט אים...

— מער נישט — זאָגט שמואלקע — מער וועט מיך נישט אַרן...

— אַז מ'וועט דיך רופן משוגענער?—

— ס'אַרט מיך נישט!

— משוגענער...

— ס'אַרט מיך נישט.

— משוגענער, „ששששו", צינקע...

— ס'אַרט מיך נישט!

— און אַז מ'וועט דיך רופן: משששששוגענער, ששששו. צצצצינקע, בלעכענער שפּיץ, דרייסיק...

דאָ האָט בײַ שמואלקען געפּלאַצט דאָס געדולד. ער איז

ארויסגעלאָפן אויף דער גאַס מיט הימל-שרייענדע קולות, געלאָפן פון הויז צו הויז, געבראָכן די שויבן, געשלאָגן ווען ער האָט נאָר געכאַפּט, זיך געשליידערט אויף דער ערד. אַזוי אַ גאַנצן טאָג.

דאָס איז געווען אַ טאָג פון מענטשלעכן פּראָטעסט. אויף מאָרגן איז ער געלעגן קראַנק. קינדער האָבן אויף אים רחמנות געהאַט און דאָס מאָל געבראַכט אים עסן און רויִק געשטאַנען ביי זיין צוקאָפּנס, געקוקט אויף אים, ווי אויף אַ צעבראָכענעם שפּילצייג...

* * *

שמואלקע איז נישט געווען דער איינציקער משוגענער, וואָס דאָס שטעטל האָט פאַרמאָגט. עס זענען געווען אויך אַנדערע. אַ טרויעריקער רעזולטאַט פון נאָך דער קריג.—זיי אַלע האָבן אַמוּזירט די קינדער און אויפגעלעבט דאָס פאַראומערטע שטעטל... איינמאָל אין אַ פרימאָרגן איז אין „שטיבל", ווו מיר האָבן געלערנט, געוואָרן אַ שטאַרקער טומל. דער אַלטער שמש האָט זיך געבייזערט אויפן גבאי, דערפאַר, וואָס ער האָט דערלויבט די דאָזיקע „גאָרנישטן", די פּראָסטאַקעס, צו נעכטיקן אין שול. זיי טוען אָפּ פלערליי „זשביטקעס", און נאָכהער גיי, זוך זיי, גיי, זוך ביי זיי גערעכטיקייט.

— אָט זעט, וואָס דער נעכטיקער אורח האָט אָפּגעטון, — האָט זיך דער אַלטער געבייזערט, — זעט, אדרבא!

אין דער האַנט האָט ער געהאַלטן אַ בלעכענע פּושקעלע,

פון וועלכן ס'האָט זיך דערטראָגן אַן אונאַנגענעמער ריח, — דאָס איז געווען דאָס צדקה-פּושקעלע, וואָס פלעגט אַלע מאָנטיק און דאָנערשטיק נאָכן לייענען שטיין אויפן טיש... און פון דעם פּושקעלע האָט דאָס דער „אורח" אַרויסגענומען דאָס הייליקע געלט, אָפּגעטון דאָס מענטשלעכע אַרבעט און כּאור הבוקר פאַרלאָזן דאָס „שטיבל"...

דער גבאי האָט אַ קוועטש געטון מיט די פּלייצעס:

— גאָרנישט געוווּסט, אַז זיי זענען אַזוינע שדים...

* * *

אין שטעטל זענען אָנגעקומען פיל פּליטים. זיי האָבן זיך געצויגן פון ווילנער געגנט. אייניקע פון זיי זענען געווען לאָבוזעס, קאַטערינשטשיקעס, און ווי זיי אַליין פלעגן זיך רופן — „מאַרעוויכערס", — דאָס האָט געמיינט אַ גנב, אַ זשוליק, אַ „טיפּ", אַ פּראָסטיטוטניק...

זומער-צייט האָבן זיי אָנגעפילט דאָס גאַנצע שטעטל: אויפן אַלטן שול-הויף זענען געשטאַנען זייערע וועגעלעך מיט קליינע פערדעלעך, און אין די וועגעלעך — פאַרלייזיקטע, פאַרקרעציקטע קינדער, מיט שנירלעך אונטער די נעז. זיי האָבן גיריק אַרויסגעקוקט צו די טעפּלעך געקעכטס, וואָס מאַמעס האָבן געקאָכט אויף די צונויפגעקליבענע שפּענדלעך פון גאַס...

די טאַטעס זענען געשטאַנען אָן דער זייט פון די פערדלעך, זיך געזידלט איינער מיטן צווייטן און אַרויסגעוואָרפן אַ היפּש ביסל קללות און ווערטער, וואָס איך האָב געהערט דאָס ערשטע מאָל אין מיין לעבן.

א בחורל פון א יאר אכצן האט זיך אמאל א וואָרף גע־טאן צום שמש פון שול:

— אויב דו וועסט מיר נישט עפענען דאס „שטיבל" צום נעכטיקן, וועל איך דיך א לעבעדיקן אריינשלאָגן אין דער ערד אריין, פון דיינע קישקעס וועל איך פארדרייען א באנקרוטקע, און אויב דו ווילסט גאר, באקאק איך דיך הונדערט מאל ארום און ארום, און טו מיר עפעס, דו אלטער יאָלדאָץ איינער! מיינסט, ס'האָט דאָ ווער מורא פאר דיר, וואָס? — איך מאַך דיר דאָ א לעבעדיקן „סאנטיקלער". איך באַרע דיך אָפּ פון פאָרנט און פון הינטן, דו אלטער יאָלדאָץ איינער!

אַזוי האָט דער בחור אָפּגעכאַפּט אַלץ מיט איין אָטעם און פאַרענדיקט מיט אַ לאַנגן שפּיי דעם אַלטן אין פּנים אַריין:

— כ'קאַק אויף דיר...

אין שטעטל איז געוואָרן לעבעדיק; אַרום זייערע פּורן האָבן זיך געקליבן קליין און גרויס, מ'האָט געלאַכט פון זייערע חכמות און זיך געשטיקט פון די גראָבע ווערטלעך. מאַמעס האָבן געוואָרנט זייערע קינדער, נישט צו גיין אַהין און בעסער אַליין געטראָגן צו זיי די טעפּעלעך געקעכטס...

* * *

צוויי ווייבלעך פון די פּליטים האָט דער „לערער" גענומען אונטער זיין השגחה, אָפּגעגעבן זיי דאָס חדר־שטיבל, און זיי זענען דאָרט געווען אַפילו בייטאָג, ווען די קינדער האָבן גע־לערנט. דער „לערער" האָט געהאַלטן אָפּט איינע פון די ווייב־לעך אויף דער שויס, איר געגעבן צו רויכערן פון זיין פּיפּקע

און דערווײַל געהאַלטן זײַנע הענט אַרום איר טאַליע. מיר האָבן עס געזען, און אונז איז עס געפעלן געוואָרן.

אין אײנעם אַ פרימאָרגן איז דער חדר פול געווען מיט צוקערקעס. אויפן דיל, אויף דער לעזשאַנקע — אומעטום האָבן זיך אַרומגעוואַלגערט רעשטלעך פון קאָנפעקטן. מיר האָבן פאַרשטאַנען, אַז דאָס קומט נישט פון הימל, מלאכים האָבן דאָס נישט אַראָפּגעוואָרפן... אָבער פונוואַנעט עס קומט פאָרט — האָבן מיר נישט פאַרשטאַנען.

אַרום האַלבן טאָג איז דער ענין קלאָר געוואָרן. אין חדר האָבן זיך אַרײַנגעריסן צװײ יונגעלײַט פון די פליטים מיט געפילדער און געשרײ:

— װוּ זענען די נקבות? דו אַלטער הורנשלעפער! דו האָסט עס געבאַרעט מײַן װײַב אַ גאַנצע נאַכט, דו! איך מאַך דאָ פון דיר אַ „פּראַק"; איך רײַס דיר אויף דעם קאַקער פון אונטן ביזן קאָפּ! װאָס־זשע מײנסטו עפּעס, פון דײַנעטװעגן האָב איך עס חתונה געהאַט? איך האָב שוין גאָר קײן דעה נישט, װאָס?

— אויב דו װעסט נאָך אַמאָל פּרוּװן באַרען מײַן צעפלאָכטענע ײדענע, װעל איך דיר אַרויסהויבן דײַנע יאַסלעס פון מויל, — דײַן װײדל װעל איך דיר אונטערקירצן, דו אַלטער לאָכמאַן אײנער!

ער האָט אַ פּאָכע געטון מיטן פויסט אײַנדערלופטן, מיר האָבן געמאַכט אַ געװאַלד. דער לערער האָט אַרויסגעקוקט דורך זײַנע ברילן, און זיך געװענדט מיט שרעק און דרך־ארץ צו די יונגען:

— זעצט זיך!

און גענומען שטילן זײער כעס מיט גוטע רײד.

* *
*

אין די שפעטע פאַרנאַכטן, ווען אינדרויסן האָט אַ בלוטיקע זון זיך געטובלט הינטערן שטעטל, און לסוף פאַרבלאָנדזשעט ערגעץ צום סטעפּ צו — האָט אַ גרויער שיין אַריינגעקוקט דורך די שמאָלע פענסטער פונם חדר און אַראָפּגעקוקט אויף די אויסגע-בלייכטע קינדער, וואָס זענען פאַרפרוירענע געזעסן אַרום טיש, איינגעוויקלט אין צעריסענע בגדים, און זיך געשאָקלט אי-בערן תנ״ך...

פון איינגעפאַלענע כאַטקעס האָבן זיך געצויגן צו דער שול, אויף נישט-אויסגעטראָטענע סטעזשקעס, וואָכעדיקע, באַבער-דיקטע יידן, מיט נישט קיין באַצויגענע פעלצן, און מיט אַראָפּ-געלאָזענע קעפּ צוגעשאָקלט צום טאַקט פון זייערע טריט... זיי האָבן געאײַלט אין שול צו מנחה.

אין דער טונקעלער שול האָבן זיי זיך דערווייל צוגע-שפּאַרט צום אויוון, זיך געטוליעט אַרום דער לעזשאַנקע און וואַרטנדיק אויפן מנין, זיך צוגעהערט צו די קינדערשע נגונים, וואָס האָבן פאַרהילכט דאָס שולכל, און צו די פּסוקים פון תנ״ך...

די קינדערשע נגונים האָבן געשטילט דעם הונגער, האָבן געלינדערט דעם שווערן עלנט... די נגונים האָבן געטרייסט מיט די נביאישע רייד פון גערעכטיקייט, מיט די נביאישע רייד פון שלום. זיי האָבן פאַרוויגט די פאַריתומטע יידן. און פאַרוואָרפן די קעפּ אויף אַהינטער, פאַרגלאָצט די אויגן צום סופיט, האָבן די יידן גענומען חלומען אין דער וואָר. די פּסוקים פון תנ״ך, וואָס האָבן זיך געריסן פון די קינדערשע מײַלער, האָבן אַרי-

בערגעטראָגן די ייִדן אין גאָר אַנדערע װעלטן, זײ דערהױבן, זײ דערקװיקט.

װער װײס, װאָס עס האָבן אין יענע פֿאַרנאַכטן געטראַכט די פֿאַרחושכטע ייִדן — װער װײס?...

* *
*

אין שטעטל האָבן זיך נאָך געפֿונען דײַטשן.

אין אײנעם אַ פֿרימאָרגן, װען איך האָב אַ הונגעריקער פֿאַרלאָזט די שטוב, און אַ פֿאַרװײנטער בין געגאַנגען מיט אַן אָראָפּגעלאָזטן קאָפּ אין חדר, האָט מיך שטרענג מיטן פֿינגער אַ רוף געטון אַן אָנגעצױגענער דײַטש.

איך בין צוגעגאַנגען צו אים, ער האָט מיך אָנגעקוקט מיט אַ בײזער מינע. איך האָב אָבער נישט געװוּסט, װאָס ער װיל פֿון מיר. — אַ װײַלע זענען מיר געשטאַנען, װי שטומע. נאָכהער האָט ער מיר אַראָפּגעלאָזט אַ כּפֿל־שמונהדיקן פּראַסק אין פּנים, אַזױ, אַז דער קאָפּ האָט זיך פֿאַרדרײט אױף דער אַנדערער זײַט. אָבער ער האָט מײַן קאָפּ באַלד אױסגעגלײַכט...

— דו, פֿאַרפֿלוכטער יודע! — האָט ער זיך אָנגעבלאָזן, װי אַן אינדיק — קאָנסטו דײַן מיץ ציִען פֿיר מיר?!

כ׳האָב זיך צונױפֿגעקאָרטשעט, מורא געהאַט, איך זאָל נישט באַקומען נאָך אַ פּראַסק, און בין מיט אַ געװײן אַװעק.

אין שטעטל זענען נאָך געװען די דײַטשן...

אַרום די בודעס, װאָס זענען געװען צונױפֿגעװאָרפֿן פֿון הילצערנע ברעטלעך, זענען זײ אָפֿט געשטאַנען אין קופּקעס, זיך געחכמהט מיט די ייִדישע קרעמערקעס און אונטערגעזונגען װולגאַרע לידלעך:

— אַלע מעדכען מוזזען,
אַלע מעדכען מוזזען,
פאַרן שלאָפן פיססען גיין...

*　　*
*

אָבער לאַנג האָבן די דייטשן זיך נישט אויפגעהאַלטן אין שטעטל. זיי זענען אַוועק צוריק צו זייער „היימאַט", און אין דערפער האָבן זיי איבערגעלאָזן ווייבער און קינדער...

דאָס שטעטל האָט נאָך זיי נישט געבענקט, נאָך זיי נישט געוויינט. די נייע געסט זענען אָבער נישט געווען בעסער. זיי זענען אָנגעקומען פון די דערבייאיקע דערפער, פון ליימענע כאַטקעס — דאָס רוב אין דייטשישע מונדירן — דאָס זענען געווען די פאַרטיזאַנער, וואָס האָבן געקעמפט פאַר ליטעס אומאָפּהענגיקייט.

עס זענען געקומען נייע שלאַכטן, נייע אומרוען.

טעג האָבן זיך געוויקלט אין מורא און אין שרעק, או... זיך אויסגעמישט מיטן הארבסטיקן אומעט, וואָס האָט זיך אָפּגע... זעצט אויף די צעשראָקענע אויסגעבלייכטע פנימער, אויף די אויסגעטריקנטע מענטשלעכע סקעלעטן...

קוילן האָבן ווידער געפייפט, זיך געטראָגן פאַרביי די חרובע הייזלעך און פאַרשווונדן ערגעץ ווייט אינם פוסטן פעלד, אינם וואַלד, און אפשר גאָר געטראָפן אין אַ לעבעדיקן מענטשן, וואָס האָט אַ פאַרבענקטער געצנומען חלומען וועגן זיין צוקונפט...

די סקלעפּעס און גראָבנס, די פוסטע ווענט און בערגלעך ערד האָבן געדינט אַלס אָקאָפּעס, אַלס אָפּליג-פּלעצער פאַר די

הרוגים, פאַר די העלדישע פּאַרטיזאַנער, וואָס האָבן דאָרט אין אײנזאַמקײט, אין טיפע קרעמפּן, אױסגעװײנט זײער לעצטן קרעכץ, זײער לעצטן „זײ געזונט״ פאַר דעם פאָטערלאַנד...

*　　*
*

אין אײנעם אַ טאָג אַזאַ, נאָך אַ נאַכט פון אַ לאַנגער שיסערײ, בין איך אַרױס אין גאַס, אָנצוקוקן דאָס שטעטל.

אין דער פאַרפרױרענער בלאָטע איז געלעגן אַ טױטער פּאַרטיזאַנער, פאַרװאָרפן הענט און פיס, מיט אױסגעגלאָצטע אױגן, מיט אַ פאַרגליװערטן אָפענעם מױל... ערגעץ־װוּ האָבן פּולבלוטיקע ליטװישע טעכטער געטאַנצט אױף „װאַקאַרעלעסן״, געהוליעט אױף „געגנזשינעס״, לכבוד דעם זיג פון זײערע מענער... און ערגעץ־װוּ האָבן ײדישע מאַמעס זיך געװישט די אױגן אױפן טױט פון זײערע זין...

הינטער דער שטאָט האָבן די פּאַרטיזאַנער אָפּגעטון אַ העלדישן שפּיצל: זײ האָבן דערהרגעט פיר ײדן — מיטן אױסרײד — „באָלשעװיקעס״... בײ אײנעם האָט מען אױסגעשניטן די צונג, אָפּגעהאַקט הענט און פיס און דורכן מױל דורכגעשטאָכן אַ פלעקל... בײ אַ צװײטן אױפגעשניטן דעם בױך, אַזױ בײם דריטן און בײם פערטן...

די ײדן אין שטעטל האָבן זיך צונױפגעקאָרטשעט פון שרעק. פון פאַרשײדענע זײטן האָבן אָנגעהױבן אָנקומען פאַרשײדענערלײ ידיעות, װאָס האָבן געשראָקן און אַרײנגעװאָרפן אין אַן אימהדיקן פחד. די שרעק איז געװאַקסן יעדע װײלע. מען האָט געװוּסט, אַז עפּעס דאַרף פאָרקומען, עפּעס דערנעענטערט זיך. מען איז

געוועזן אַלע ווי אין אַ פיבער. מען האָט געוואַרט, און מורא געהאַט, און נישט געוווסט, צי וועט בעסער ווערן, אָדער ערגער. נאָך ערגער? — צי קען שוין זיין ערגער?

* *
*

דער מאָרגנדיקער טאָג האָט אין שטעטל אָנגעטראָגן די באַל־שעוויקעס. אַלע האָבן פרייער אָפּגעאָטעמט. אַלע האָבן זיך באַוויזן אויף די גאַסן, זיך אויסגעמישט מיט די סאָלדאַטן, פריינטלעך געשמועסט, אָן מורא, אָן שרעק. זיי האָבן קיין יידן נישט געשלאָגן, נישט געפּאָדערט, מ׳זאָל פאַר זיי אַראָפּנעמען דאָס היטל. זיי האָבן געמאַכט דעם איינדרוק פון גוטע ברידער.

אָנגעקומען זענען זיי ביינאַכט. אַלע אין שטעטל האָבן אין יענער נאַכט זיך געלייגט מיט דער ווידוי־תּפילה אויף די ליפּן. מ׳האָט זיך געריכט אויף גרויסע שלאַכטן, אויף פּאָגראָמען, און גערעדט האָט מען, אַז נייע באַנדעס זענען נישט ווייט...

די נאַכט איז אָבער אַריבער גאַנץ רויק, און אויף מאָרגן האָט אויפן מיטן מאַרק געפלאַטערט אַ רויטע פאָן — אָנזאָג פון פרידן, נאָך דעם בלוט און נאָך די אַלע שלאַכטן...

איך האָב דערפילט אַ ליבע צו די ניי־אָנגעקומענע און געוואָלט, זיי זאָלן קיינמאָל נישט פאַרלאָזן דאָס שטעטל. דאָס זעלבע האָבן געפילט אַלע איבעריקע אין שטעטל. זאָל די רו שוין מער נישט געשטערט ווערן! נאָר דער שמש פון שול און ר׳ קלמן נגיד האָבן געהאַלטן אין דערציילן צווישן רעדלעך מענטשן, וואָס האָבן זיך געזאַמלט אויף פליקאָוואַטע גאַסן, אַז די נייע זענען אויך נישט „אַי, אַי, אַי״...

* *
*

די נײַ־געקומענע זענען געװען פֿרײלעכע יונגען: אין די אָװנטן, אונטערן שײַן פֿון דער אױסגעניכטערטער לבֿנה האָבן זײ געשפּילט אױף האַרמאָשקעס, געזונגען לוסטיקע לידער און געטאַנצט.

זײ האָבן געטײלט ברױט פֿון זײערע װעגענער פֿאַר די אָרעמע מענטשן, גענומען „קאָנטריבוציע״ פֿון די רײַכע און דאָס אַלץ פֿאַרטײלט, פֿאַרטײלט צװישן אַלעמען. פֿון דערבײַאיקע דערפֿער האָבן זײ אָנגעבראַכט „סאַמאָגאָנקע״, דערטרונקען זײער הײמלאָזיקײט אין גאַנצע „קװערט״ און דורשטיק נאָכגעקוקט פֿאַרבײַגײענדיקע „באַבעס״...

זײ זענען געװען מונטערע יונגען, האָבן סודותדיק פֿאַר־טרױט, אַז זײ װעלן פֿאַריאָגן די „פּאַרשיװוצעס״, און דאָס לאַנד פֿאַרפֿאַרבן װעלן זײ אין רױט... אָבער קײנער האָט נישט גע־װוּסט װעגן זײער אָנקום, און קײנער, קײנער האָט נישט גע־װוּסט פֿון זײער אַװעקגײן.

אײנדערפֿרי, װען איך האָב אַרױסגעשטעקט דעם קאָפּ דורכן פֿענסטער, האָב איך באַמערקט, אַז אױף די דעכער ליגן די פֿולעמיאָטן, װי אײַנגעקװײלטע גענז, און פֿון די פּאַטרולן אױף װינקלען פֿון גאַסן — איז שױן קײן זכר נישטאָ. די שטיבלעך שטײען אין שטומען שװײַגן, װי זײ װאָלטן אײַנגעהאַלטן דעם אָטעם, מ׳זאָל זײ נישט הערן...

דערנאָך האָבן זיך אין שטעטל װידער באַװיזן די ליט־װישע פּאַרטיזאַנער. זײ זענען אָנגעקומען פֿון אײן זײַט, מיט אַ „װאַלאָ״ לכּבֿוד דער נײַער ליטע.

זייער „וואָלאָ״ איז באַגעגנט געוואָרן מיט אַ האָגל פון קוילן, קנאַלן פון פּולעמיאָטן, ריסן פון האַנט-גראַנאַטן, מיט אַ „הוראַ״-געשריי, וואָס האָט זיך אָנגעטראָגן פון ווייטן אַלץ נעענטער און נעענטער... ענדלעך זענען די פּאַרטיזאַנער דער-טרונקען געוואָרן אין אַ בלוט-באַד. מ׳האָט צוגענומען זייער געווער, און זיי האָבן געמוזט פאַרלאָזן דאָס שטעטל.

* * *

אין שטעטל האָבן זיך שוין באַזעצט די ליטווישע אויף שטענ-דיק. דאָס לעבן האָט זיך איינגעשפּאַנט אין זיין נאָרמאַלן וועג; די טעג, אומעטיקע, האָבן זיך געוועבט, ווי שפּינוועבס אונטער דער זון — זיי האָבן זיך געקנוילט, ווי אַרום אַ קנויל פּאָדעם, אָן אַן אָנהויב און אָן אַ סוף.

די באַערדיקטע יידן און די קליינע חדר-ייִנגלעך האָבן זיך געפּלאָנטערט אויפן אַלטן מאַרק, געשקראָבעט די ציין מיט שטרוי, געטאַפּט קעלבלעך אויף פויערשע פורן און געחלומט פון אַ זאַטן טאָג...

דאָס רוב קינדער אין שטעטל זענען געווען אָפּגעשאָטן מיט פּאַרך, מיט דער „בייסעניש״, — דער רעזולטאַט פון אַ שמוציקן לעבן, פון שלעכטע לעבנס-באַדינגונגען, פון קריגס-פאַרהעלטענישן. און אפשר גאָר פון איבערגעקעלטערטע טעג, וואָס האָבן זיך אַריינגעזאַפּט אין די מאָגערע גופים דורך די צעריסענע בגדים, איבערגעפּאַרבטע פון זעק, און אפשר גאָר פון קאַלטע ווינטן, וואָס האָבן זיך דורכגעריסן דורך די „לו-

בעטעס", און דורכגעקעלטערט די אויסגעבײנערטע פּיס אין די הילצערנע קלומפּעס ? !

— אָבער וואָס איז די נפקא-מינה ?

— אַלצאײנס,

אַלצאײנס זענען קינדער אומגעלאָפן ווי קרעציקע הינט־פּאַרוואַרלאָזטע, וואָס דרײען זיך אום אויף הפקר, אין זײטיקע געסלעך און קלײבן די ברעקלעך פון אויסגעגאָסענע פּאָמוניצעס.

— וואָס איז די נפקא-מינה ?

— אַלצאײנס,

אַלצאײנס האָבן קינדער אָנגעגירט צווישן זיך בײם ברעג פון טײכל, הינטער הויכע פּאַרקאַנעס, הינטער חרובע ווענט פון אײנגעפאַלענע שטיבלעך און געזעטיקט בשעת-מעשה די פאַנ־טאַזיע מיט פרוּיען-געשטאַלטן...

אַלצאײנס...

* *
*

פּרײטיק-צו-נאַכט.

פון די שטיבער האָט זיך אַרויסגעשאָטן דאָס הײפל יונג־וואַרג, אויסגעצוואָגן די קעפּלעך, אויסגעשמירט די קלומפּעס מיט טראָן, מיט ריצנאײל, און געפּראַנטעוועט געאָרעמטע אין פּאָרלעך, אונטער אַ ליכטיק-אויסגעשטערנטן הימל, איבער דער אײנציקער לאַנגער גאַס, אַרום וועלכער ס'האָבן זיך שוין גע־פלאָכטן די ערשטע געבײדעס פון נײע הײזער, וואָס האָבן אויסגעזען, ווי די ערשטע שיטערע שפּראָצונגען אין יונגע וועלדלעך.

צווישן די פּאָרלעך האָבן זיך אומגעפּלאָנטערט קליינע קינדער, וואָס זענען נאָכגעלאָפן די גרויסע, און נאָכגעקוקט זיי מיט נייגיר.

אין „שטיבל" האָט געזשיפּעט אַ לעמפּל מיט טערפּענטין. אין ווינקל אויף אַ שטענדער האָבן געצאַנקט אַ פּאָר ליכט — דאָ האָט דער רבי פאַררופן די עלטערע קינדער „איינצווזינגען" מיט זיי אַ כאָר.

איינמאָל, אין אַזאַ אָוונט, בין איך געשטאַנען צוזאַמען מיט אַ גאַנצע כאַפּטע ייִנגלעך און מיידלעך נעבן „שטיבל" און זיך אונטערגעהערט צום רבינס „כאָר". צופעליק האָב איך זיך דערזען צוגעשפּאַרט צו אַ מיידל. און איך ווייס נישט, ווי אַזוי מיינע הענט האָבן פאַרבלאָנדזשעט אַרום איר טאַליע און מיינע ליפּן אויף איר קאַרק...

נאָך דעם געשעעניש פלעג איך אַלע אָוונט קומען צום „שטיבל"... דאָס מיידל פלעגט אויך קומען און קענטיק וואַרטן אויף מיר. איך פלעג איר קיינמאָל נישט אַנטוישן. זי האָט מיר פאַרבעטן צו זיך אין שטוב. איך בין געווען שעמעוודיק, אָבער כ'בין געגאַנגען. זי איז געווען עלטער פון מיר, און איך האָב זיך געפּרוּווט אָנשטעלן מעשה-גרויסער: מיינע האָר האָב איך גענומען גלעטן אויף אַרויף, מיט שפּייעכץ, מיט טיי, מיט וואַ-רעמע וואַסער — אין שטוב האָט מען מיך אָנגעהויבן צו רופן „חתן-בחור".

* *
*

גאַנצע נעכט פלעגן מיר אָפּזיצן אויף די קלעצער, וואָס זע-נען געווען אָנגעפירט צום פאַרציען נייע פונדאַמענטן, און קינ-דעריש ראָמאַנסירט.

זי איז געווען אַ קליינינקע, אַ לעבעדיקע, מיט שוואַרצע געקרייזלטע האָר, מיט טיפע שוואַרצע אויגן, מיט זשוואַווע באַוועגונגען. זי האָט האַסטיק געפּלאַפּלט, הילכיק געלאַכט און איז געווען פליישיק געבויט. זי האָט מיך גערייצט מיט אירע מיידלשע אברים, מיט אַלע אירע באַוועגונגען.

איינמאָל, לייענדיק אַ ביכל, האָב איך זיך נעענטער צוגעשפּאַרט צו איר, געלאַסטשעט אירע הענט און געגלעט אירע קני. די אותיות האָבן געשווינדלט פאַר מיינע אויגן. וואַרעם בלוט האָט מיר געטריבן אין פּנים, איבערן גאַנצן קערפּער. איך האָב נישט געוווּסט, וואָס איך לייען. אַ שטילער געראַנגל איז פאָרגעקומען צווישן אונזערעביידנס הענט. ענדלעך איז מיין האַנט פאַרקראָכן אונטער איר קליידל. איך האָב זיך דערשראָקן פאַר מיין חוצפּהדיקן שריט און אויפגיך צוריקגעכאַפּט די האַנט. זי האָט אויסגעבראָכן אין אַ געוויין, אַרויסגעלאָפן פון שטוב און מיך איבערגעלאָזט אַליין.

איך האָב זיך דערשראָקן און בין אויפגיך אַוועק אַהיים.

* *
*

וואָס האָב איך נישט איבערגעקלערט אין יענעם אָוונט! דאָס האַרץ האָט מיר געקלאַפּט, און מיינע אויגן זענען פול געווען מיט טרערן. מיר האָט זיך געדוכט, אַז באַלד, באַלד וועט אַריינקומען איר טאַטע און מיך אַ נעם טון פאַרן גאַרגל מיט זלזולים, מיט געשרייען: „ס׳טייטש, וואָס האָסטו געטון מיט מיין טאָכטער?״ נאָכהער וועט זיך אָנקלייבן אַן עולם. אַלע, אַלע, דאָס גאַנצע שטעטל וועט וויסן פון מיין זינד...

פון יעדן קלאַפּ אין טיר בין איך געוואָרן אַ דערציטערטער. כ'האָב דערוואַרט אַ גרויסע קאַטאַסטראָפע. כ'בין שיעור נישט אַרויס מיט אַ געוויין אויפן קול... יעדער אומשולדיקער קוק פון די שטוב-מענטשן האָט מיך טויט דערשראָקן. מיר האָט זיך געדוכט, אַז מ'ווייס שוין דערפון אין שטעטל, מ'רעדט שוין דערפון אין אַלע הייזער, און אַלע באַוווּנדערן די חוצפּה פון אַ יינגל...

אין גרויס פיבער האָב איך אַריבערגעשטופּט די נאַכט. אינדערפרי בין איך אַרויס אויף דער גאַס, כ'האָב באַגעגנט פיל מענטשן, זיי האָבן זיך געגריסט מיט מיר ווי תמיד.

— דוכט זיך, אַז זיי ווייסן פון גאָרנישט! — האָב איך געטראַכט. מיר איז פרייַלעכער געוואָרן אויפן האַרצן, אָבער פאַר איר הויז האָב איך אויסגעמיטן פאַרבייצוגיין. אַ צופרידענער האָב איך זיך צוריקגעקערט אַהיים.

אין קיך האָב איך דערהערט אַ באַרסקענדיקע שטימע — דאָס איז געווען איר טאַטע... ס'האָט מיר אָפּגענומען הענט און פיס. ס'איז אָבער גאָרנישט געווען; ער האָט נאָר געבראַכט פליישׁ אויף שבת...

* *
*

שטעלעכע טעג האָב איך זיך מיט איר נישט געזען. כ'האָב מורא געהאַט פאַר איר, אָבער וואָס-ווייטער אַלצמער איז פאַרשוונדן דער פחד. דאָס „גרויזאַמע" האָט אָנגעהויבן צו ווערן גאַנץ נאַטירלעך: „נו, טאַקע, וואָס אַזוינס האָב איך דען געטון?" כ'האָב ריין-געוואַשן מיין געוויסן, און באַשלאָסן ווידער אַרייַנ-

צוגײן צו איר אין הויז. כ'האָב אָפּגעזוכט אַ תּירוץ, אָפּגעמאַר־קירט אַ צײַט, װען קײנער איז אין שטוב נישטאָ, און אַרײַן צו איר אין הויז.

— „זע, װאָס איז די מעשׂה, מען זעט דיך גאָרנישט"? — האָט מיך אַ צעטומלטן געטראָפן איר פֿראַגע. מײַנע צוגעגרײטע תּירוצים זענען איצט גאָרנישט װערט געװען. כ'האָב געשטאַמלט, כ'בין רויט געװאָרן און ענדלעך זיך באַרויִקט.

דורכן קלײנעם פֿענסטערל פֿון איר הויז האָבן זיך אַרײַנ־געשפּאַרט די לעצטע אויסגײיענדיקע ליכט־שטראַלן פֿונם טאָג. אַ בלײַכער בין־השמשות האָט זיך געגאַרבט אַרום שטעטל, אַ בענקנדיקער אומעט האָט געגאָגט אין האַרצן, ס'האָט זיך געהערט דאָס װאָיען פֿון הינט, װאָס האָט זיך אָנגעטראָגן פֿון נאָענטע געגנטן, פֿון דערבײיאיקע פּויערשע דערפֿלעך. דאָס שטעטל האָט װי מיט אַן אײַנגעהאַלטענעם אָטעם אַרײַנגעקוקט אין שטיבל מיט אַ קאַלטן בליק. מיר זענען שװײַגנדיקע געזעסן לאַנגע רגעס.

נאָכהער האָבן מיר גערעדט. כ'געדענק נישט װאָס. מסתּמא װעגן דעם שטעטל, װעגן די מענטשן, װעגן דעם און יענעם, פֿאַררעדט אַ ביסל די מורא און שרעק, און מיט יעדן אַרויסגע־רעדטן װאָרט זיך װידער דערפֿילט הײמיש, נאָענט.

* *

*

אַיך פֿלעג אָפֿט אַרײַנקומען צו איר אין הויז, זיצן שעהן־לאַנג און ראָמאַנסירן, אָבער דאָס מאָל שוין נישט אַזױ קינדעריש װי פֿריער. דאָס זענען געװען אָנגענעמע מינוטן, טיפֿע, זאַפֿטיקע איבערלעבענישן, װעלכע לאָזן זיך נישט פֿאַרגעסן. דאָס זענען

געווען ברויזיקע מאָמענטן, שוימיקע טעג און נישט־דערשלאָפענע נעכט. דאָס זענען געווען מאָמענטן פון פרייד, וואָס האָבן פאַר־טונקלט דעם פאַרגאַנגענעם צער. הלוואי וואָלט אייביק אַזוי גוט געווען, ווי אין אָט די געציילטע רגעס!

איך האָב זיך געפילט שטאַרק צוגעבונדן צו איר. מיינע חברים האָבן מיך אויפגעהערט צו אינטערעסירן. איך בין שוין געווען אַ „בחור" אין לאַנגע הויזן, שוין אַרויס פון חדר, און זיי זענען נאָך געזעסן „ביים טיש"...

דאָס וואָס כ'האָב איבערגעלעבט אין יענע ווינטערדיקע פאַרנאַכטן, איז שווער צום פאַרגעסן. אַזוינס קען מען נאָר איבערלעבן איינמאָל —

אין די פרילינג־טעג פון דער יוגנט...

* *
*

אין שטוב איז קיינער נישטאָ. אַ מידע, פול מיט גלוט, גליטשט זיך די זון הינטער די שפּיצן פון דער טיפלע און שפּיגלט זיך צום לעצטן מאָל אין ווייסן שניי, ווי אַ שיכור, וואָס האַלט זיך קוים אויף די פיס...

די שטיבלעך זענען פאַרפּושעט, באַדעקט מיט שניי. פון־ווייטן קוקט אַראָפּ אַן אַלטער בית־עולם מיט איינגעפאַלענע מצבות. אַ הויך־פאַרצווייגטער בוים איז פאַרשפּרייט איבערן „צדיקים־שטיבל". סאַראָקעס קראַקען אַרויס פון צווישן די פאַר־טריקנטע צווייגן און טרייסלען דעם שניי פון אים. פון דער „נעוויאַזשע" טראָגן אָנגעכוואַלעטע וואַסער־טרעגער „נאַסטשיעס" וואַסער צו באַלעבאַטישע הייזער. זיי הויכן די שפּיצן פינגער און

בייטן די הענט... ערגעץ פון אַ זייטיק געסל שלייכט זיך דורך אַ שלייקעלע מיט גלעקלעך, און אָנגעפּאָרענע קינדער קומען שוין פון גליטש... עלטערע יידן איילן צו מנחה, און פּאָר איינוועגס אויך צו הערן אַ פּאָר ווערטער ביים טיש...

דאָס קליינע שטעטל קוקט אַריין דורכן קליינעם פענסטערל פון הויז, ווי דורך דעם לעכל פון אַ פאָטאָגראַפישן אַפּאַראַט און שפּיגלט זיך בולט אָפּ.

אין שטיבל זענען נאָר מיר ביידע. מיר האָבן זיך צוגעשפּאַרט צו דעם וואַרעמען אויוון, און אַרויסקוקנדיק אינדרויסן, פאַרבענקטע זיך געהאָנגען איינער דעם צווייטן אויפן האַלז.

ס׳האָט זיך אָנגערוקט דער בין-השמשות. דאָס שטעטל איז פאַרשוווּנדן פון אויג. אין שטיבל איז ווי אין אַ הייל. ס׳האָבן זיך נאָר געהערט טריט פון פאַרבייגייער. זיי האָבן אָבער נישט געשטערט אונזער פאַרגעניגן...

* *

*

אין שטעטל האָט זיך געטומלט. די קלאַנגען האָבן זיך געטראָגן פון איין בודל צו דער צווייטער, און האָבן זיך שנעל פאַרשפּרייט איבערן גאַנצן שטעטל. פריער האָבן וועגן דעם גערעדט די קרעמערקעס, געוואָרעמט די הענט איבער די פייערטעפּ און אַרויסגעזאָגט ספקדיקע געדאַנקען:

— ווער וויים, ווער קען דאָ דערגיין אין אַזוינע זאַכן...

— ס׳קען פּאַסירן.

— און אפשר איז די גאַנצע מעשה אַ ליגן...

געהאַנדלט האָט זיך עס וועגן דעם, צי איז דעם גבירס

טאָכטער טאַקע מעוברת, אָדער נישט?... אין שטעטל האָט מען געמורמלט, אַז דאָס שטאַמט פון דעם יונגן פּריסטאַוו... אַנדערע האָבן חושד געווען „די חברה" — די יידישע בחורים, וואָס שלעפּן זיך אַרום מיט אַלע „פּאַסקודסטוועס" און טראָגן נאָכהער אָן די שלעכטע קרענק אין שטעטל...

און ווייבער אין באָד האָבן אומגעפּויזעט אויף זייערע גראָבע פיס, מיט הינער-אויגלעך אויף די צעפּאַלדעטע פינגער, מיט אַראָפּגעהאָנגענע ברוסטן, מיט גאָרנדיקע שמאַלץ-גוידערס אַרום בויך און געשמועסט וועגן דער „נישט געהערטער זאַך"...

איבער זייערע קעפּ האָבן, אויף לאַנגע שטריק, זיך גע-טריקנט באַדרעפּעטע וועש. טראָפּנס וואַסער האָבן אַראָפּגעטריפט אויף זייטיקע פאַרבייגייער און צערונען איבערן גאַנצן לייב.

עטלעכע ווייבער האָבן געקוקט צום זייטיקן אַריינגאַנג. דאָרטן האָבן יונגע ווייבלעך זיך טובל געווען. זיי האָבן געקוקט מיט אַ קנאַהדיקער בענקשאַפט נאָך די אַמאָליקע יאָרן. די יינגערע האָבן זיך געשעמט, אָבער זיך געפרייט מיט דעם, וואָס זיי זענען נישט די איינציקע...

אומעטום האָט מען איצט גערעדט וועגן דעם גבירס טאָכ-טער: אין באָד, אין מקוה, און אַפילו אין שול, ביים דאַווענען, האָבן יידן זיך „קלוגעוואַטע" אונטערגעהוסט: „כ'ווע, כ'ווע"... אָבער זיי האָבן געשוויגן, געשוויגן מיט אַ מיין:

— ווער ווייס, אַמאָל איז גאָר אַ ליגן. און פאַרקערט גע-רעדט: מיט אייגענע קינדער איז מען דען היינט זיכער?...

* *
*

אויף אָנגעוואָרפענע באַשנייטע קלעצער זענען געזעסן אייניקע בחורים און געשמועסט. אייניקע האָבן געעצהט די פויערים, ווי צו בויען דאָס הויז. אייניקע האָבן גענישטערט מיט שפּענער אין די אָנגעזעגטע ספּיילעס, ווי זיי וואָלטן עפּעס געזוכט, גענישטערט און געשמועסט. און די איבעריקע האָבן גערעדט האַלבע ווערטער, געשאָטן מיט אָנדייטונגען, אָנצוהערענישן.

איך בין געזעסן דערבײַ. כ'האָב פאַרשטאַנען, אַז זיי רעדן וועגן דעם גבירס טאָכטער. זיי האָבן זיך געקריגט:

— איך בין געווען דער ערשטער?

— ניין, ווער דען, איך בין געווען דער ערשטער?!

— דו'סט פאַרגעסן, ווי איך האָב דיך געוואָרנט.

— נו, האָב איך דיר דען נישט געפאָלגט?—

— יע, געפאָלגט... ווען נאָך אַלעמען?!

זיי האָבן זיך געקריגט, געזידלט. די פויערים האָבן אַ הויב געטון אַ קלאַץ. די בחורים האָבן זיך שיעור נישט איבער־געקערט. זיי האָבן זיך אויפגעהויבן און לאַנגזאַם אַוועקגע־שפּאַצירט.

איך בין זיי נאָכגעגאַנגען. כ'בין געווען נייגעריק צו וויסן וועגן דעם גבירס טאָכטער. כ'בין פּלוצים שטיין געבליבן בײַ אַ פּאָרענטשע, ווו מ'בינדט־צו פערד, און זיך פאַרטראַכט: זי וועט טאָקע האָבן אַ קינד?—אַן אמת קינד, ווי פון אַן אמתן מאַן?— ווי ווערט אַ קינד?

* *
*

דינט דאָס שטעטל האָט אָנגעהויבן צו רעדן וועגן דעם גבירס טאָכטער, האָב איך אויפגעהערט אַריינצוקומען צו דעם מיידל. אויפגעהערט, ווייל כ׳האָב זיך געשראָקן, טאָמער ווערט זי אויך טראַגעווודיק.

כאָטש כ׳האָב שוין דאַן געוווּסט, אַז כדי צו מאַכן אַ מיידל טראָגעווודיק, דאַרף מען זיין מיט איר נאָענט, — און דאָס האָב איך קיינמאָל נישט געטון. נאָר ווער ווייס, אפשר קען מען אַזוי אויך ווערן טראָגעווודיק?!...

עס האָט מיר איצט פאַרדראָסן, פאַרוואָס כ׳בין צוריקגע־קומען צו איר נאָכדעם, ווי זי האָט זיך דאַן צעוויינט, מיך אי־בערגעלאָזט אַליין ביי איר אין הויז און אַרויסגעלאָפן אויף דער גאַס. איך וואָלט פאַרשפּאָרט פיל נאָגנדיקע מינוטן פון טיפער בענקשאַפט, פון אינערלעכע ליידן.

די מעשה מיטן גבירס טאָכטער —
די ענדע פון פיל גוטע טעג...

* *
*

די שייבלעך אין די הייזקעס זענען פאַרקלעפּט מיט אייז, מיט שניי. די פרימאָרגנס זענען קאַלטע און שלעפעריקע. אַ שרעק ממש אַרויסצושטעלן אַ פוס, אַ האַנט פון אונטער דער קאָלדרע — פון אונטער די אָנגעוואָרפענע שמאַטעס, וואָס ליגן אויף דער קאָלדרע.

דער שניי רייסט זיך דורך די פענסטער. זיין בליק שלאָגט זיך אָפּ אָן די מיזאנען און פאַלט צוריק. אַזוי ביז האַלבן טאָג, ביז די זון קומט צוהילף. אַ שיינינקע גייט זי אויף אַלע טאָג, צעוואַרעמט די הייזקעס, שרויפּט-פונאַנדער די גלידער, און לאָזט אַרויס די מענטשן צוויי מאָל אין וואָך אויפן מאַרק...

אין פעלצלעך, אין מאַנטלען — גאַנצע און צעריסענע, אין שטיוול — מיט פעלענע און הילצערנע פּאָדעשוועס, דרייען זיך אום די יידן ביי די פּויערשע שליטנס און זוכן צו מאַכן אַ קניה: אַ טאָפּ אַ שעפסל, אַ בהמהלע, אַ קניש אַ לעפל האָבער, אַ פודל ווייץ, אַ זעקל קאָרן, אַ בינטל פלאַקס — דינגען זיך מיט מורא, אַ צווייטער זאָל נישט אויסכאַפּן די מציאה...

און לײדיקגייערס דרייען זיך אום מיט פאַרשטעקטע הענט אין די קעשענעס און חכמהנען זיך מיט די קרעמערקעס, וואָס כאַפּן פון די פּויערים די נאָפּט-פלעשלעך און זוכן עפּעס צו פאַרדינען פאַר די מענער, וואָס זיצן אין שול און קוקן דאָרט אַריין אין אַ בלאַט גמרא...

און סתם קינדער דרייען זיך אום ביי פּרוכט-וועגענער און שלינגען שפּייעכץ פון די שיינע געטריקנטע קרענץ עפּל, און האַרטן באָב... אַזוי ביז די זון פאַרגייט, ווען איינציקווייז צע-לויפן זיך די פּויערים אין האַסטיקן גאַלאָפּ, און עס צעקריכן אומבאַמערקט די יידן פונם מאַרק, ווי ס׳צעגייט דער שניי אין זוניקן שיין.

אַלץ פאַרקריכט דאַן צוריק אין די פלאָגנדיקע שטיבלעך.

* * *

איך בין געזעסן אין שול ביים אויוון. איך און מיינע חברים — אַ כאָפּטע אָפּגעריסענע קינדער. מיר האָבן זיך געטיילט מיט געטריקנטע עפּל, וואָס מיר האָבן נאָר־וואָס אראָפּגעכאַפּט פון אַ פויערשער פור.

מיר זענען געווען האַלב־נאַקעטע; מיט אויפגעשפּילעטע העמדער, צעלעכערטע זאָקן, מיט קלומפּעס אויף די פיס און מיט היטלען איבער די אויערן.

מיר האָבן געשלונגען די עפּל אין איילעניש, — מורא געהאַט, טאָמער קומט־אונטער דער שמש, — און פאַרזופּט מיט קווערטלעך וואַסער פון דער האַנטפאַס. מיר האָבן זיך פּשוט מחיה געווען.

נאָך דער סעודה, האָט פייפקע, אַ ייִנגל פון אַ יאָר דרייצן, אַ שוואַרצלעכער, מיט בליציקע אייגלעך, צעטיילט צווישן אונז אַ הויפן „געפּרעסטע" פּאַפּיראָסן. מיר האָבן גערויכערט און זיך באַלעקט, ווי מיט קאָמפּאָט נאָך אַ געשמאַקן מיטאָג... נאָכהער האָבן מיר זיך צעזעצט אַרום אויוון און אָנגעהויבן זיך דערציילן מעשיות, ווי אויפגעלייגטע באַלעבאַטים.

יידן זענען שוין אָנגעקומען צו מנחה. ס'האָט זיך געהערט, ווי זיי קלאַפּן אָפּ דעם שניי פון די פיס פאַרן אַריינקומען, גיבן אַ לייכטן הוסט און עפענען לאַנגזאַם די טיר: „נישטאָ וואָס זיך צו איילן, מ'איז שוין במילא אינעווייניק"...

אונדז אַרט עס ווי דער פאַראַיאָריקער שניי. מיר זיצן צוזאַמענגערוקט אין אַ ווינקל און קוועלן פון די אייגענע רייד. יעדער דערציילט עפּעס, און דערציילט האָט יעדער גוזמאות



אין שולכל

פון זיין לעבן, וועגן הינט, קעץ און וועגן ציגן — — — מיר קוועלן פון נחת, גלעטן זיך די בייכער, שפּייען שקאָציש דורך די שפּאַלטן פון די פאָדערשטע צוויי ציין.

* *
*

ביים טיש זיצן יידן און הערן זיך צו צום בלאַט-גמרא, וואָס דער רב לערנט.ביים ברעג טיש זיצט אברהם-איצע, ווי שטענדיק איז ער אָנגעטון אין זיינע ברילן. דאָס רעכטע גלעזל אין די ברילן פעלט. אויף דעם אויג זעט ער במילא נישט. דאָס לינקע, אויף וועלכן ער זעט יאָ, איז פאַרקלעפּט מיט ליים. ער קוקט אַריבער די ברילן, ווי אַן אָקס, וואָס איז גרייט צום שטעכן. באַלעבאַטישע קינדער שטייען נעבן אים. ער דערציילט זיי וווּנדערבאַרע מעשיות:

— „און אַז דער קייסער אַליין האָט מיך געוואָלט זען — מיר, אברהם-איצע דעם קדיש-זאָגער, האָט ער זיך פאַרשטעלט פאַר אַ בעטלער, און איז פּסח-צייט צום ערשטן סדר אַריינגעקומען בעטן ביי מיר אַ נדבה״...

— „און אַז איך האָב אַמאָל אַ שאָט געטון פאַר אַן עדה פון טויזנטער מענטשן „דרייערלעך״, האָט קיינער נישט געוווּסט, אַז דאָס בין איך אברהם-איצע דער געשוווירענער קדיש-זאָגער,—דער פאַרשטעלטער אָרעמאַן, וועמען דאָס שטעטל שיקט אַלע פרייטיק אַריין אויף שבת. ווייל איך בין אין דער נאַטור אַ מענטש אַן עניו, און וויל נישט, אַז מענטשן זאָלן וויסן פון מיין גוטהאַרציקייט״...

די באַלעבאַטישע קינדער שטייען מיט אָפענע מיילער;

באַוווּנדערן אברהם-איצעס גוטהאַרציקייט, באַקוקן זיינע הענט, זיינע בגדים און איבערהויפּט זיין מאַנטל, וואָס שלעפּט אים צו דער ערד אַראָפּ, און קענען נישט פאַרשטיין, צי אברהם-איצע דערציילט זיי דאָס אַ „מעשה״, אָדער ס'איז טאַקע אַן אמת...

דער שמש האָט אַ קלאַפּ געטון אין טיש, עמעצער האָט אויסגעשריען „והוא רחום״.

אַ בלייכע לבנה האָט אומגעבלאָנדזשעט איבערן הימל.

* *
*

בייַנאַכט. דאָס פּרעסטל האָט זיך געשטאַרקט, צוזאַמענגענומען זייַנע כּוחות. מיר לאָזן זיך איבער דער בריק צו „ראובן די פּאַליקע״ אין מתים-שטיבל. די לבנה באַגלייט אונז.

דאָרט ביי ראובנען אין שטיבל, וואָס שטייט אויפן בית-עולם, פילן מיר זיך היימישער ווי ביי זיך אינדערהיים. וואַרעמער ווי אין שטוב איז דאָך דאָ געוויס. נישט אומזיסט האָבן מיר אַהער אַריבערגעשלעפּט פון פרעמדע געהעפטן קופּעס האָלץ, נישט אומזיסט !...

ראובן זיצט און דערציילט זיינע מעשיות. אמתע מעשיות. נישט אַזוינע, וואָס אברהם-איצע דערציילט פאַר די באַלעבאַטישע קינדער. ראובן דערציילט, אַז ער איז אַ גרויסער אָרעמאַן, אַסאַך מענטשן זענען אָרעמעלייט און נישט נאָר אין דעם שטעטל, נאָר אין יעדן שטעטל זענען דאָ אָרעמעלייט, ווי ער, ווי מיר, קינדער. און וואָלט ער געווען אַ רייכער, וואָלט ער אונז איצט געגעבן הייסע טיי, מיט צוויי ציגעלעך צוקער יעדערן...

מיר זיצן רויק. גאַווערן פּשוט פון ראובנס רייד און פאַר-

לאָזן זײַן שטיבל שפּעט בײַנאַכט. מיר קראַצן די פּאַטעלניצעס, און ציען זיך אויס אין אַ לאַנגן געלויף איבער דער בריק.

אַ סווישטשערײַ און קוויטשערײַ פֿאַרגײט אין דער ווײַטקײט.

אין שטעטל האָט מען געזאָגט: „די קינדערלעך וועלן אויסוואַקסן, ווער ווייס וואָס!"

* * *

ווער זענען די „קינדערלעך"?

דאָס זענען עס מיר — די קינדער, וואָס האָבן אין קריגס-צײַט אָנגעוווירן ווער אַ טאַטן און ווער אַ מאַמען, און האָבן זיך אַזוי אַרומגעוואַלגערט אין דער פרעמד אויף גאָטס באַראָט, ביז מיר זענען געקומען אַהיים, צו דעם „אײגענעם" שטעטל.

...און דאָס שטעטל האָט אונדז נישט פֿאַרלאָזן. מען האָט צוגעוואָרפֿן די קינדער עפּעס, כּדי אויפֿצוהאַלטן זײ דאָס לעבן. מיר האָבן זיך געדרייט אַרום די באַלעגאָלעס, די פֿערד-הענד-לער און סתּם יידן, וואָס האָבן געקענט עפּעס צוּוואַרפֿן...

מיר זענען געווען לײַכט און בויגעוודיק. האָבן גענעכ-טיקט אויף בוידעמער, אויף קופּעס פֿלאַקס, אויף ווייכן גראָז — האָבן אונטערגעלעגט אַ האַנט בײַ אַ „נאַסטשיע" וואַסער און געקוקט דעם לעבן מיט הפקרדיקע אויגן.

באַלעבאַטישע בחורימלעך האָבן אויף אונדז געמאָסטן זייער כּוח; געוואָרפֿן אונדז אײַנדערלופּטן און צוריק געכאַפּט מיט איין האַנט. געהויבן אונדז, ווי מען הויבט שווערע געוויכטן אין אַט-לעטישע קלובן.

מיר זענען געווען אַ זאָרגלאָזע חברה, וואָס האָט אויפֿ-

געכאַפּט דעם טרויער פון אונזערע טעג אויף די וואַנדערנדיקע וועגן—אויף ברייטע שליאַכן, אין פוסטע סטעפּעס, אין איינגעפאַלענע חורבות, און אויף האַרטע בענק פון קויטיקע, אָפּגעפּאָרענע וואָקזאַלן.

אונזער לעבן — וועמען האָט עס געאַרט? —

קיינעם!

ס׳האָט קיינער נישט געזאָרגט פאַר אונזער דערציונג, ס׳האָט קיינעם נישט געאַרט אונזער צוקונפט.

* *
*

פּרייטיק-צו-נאַכט. דאָס שטעטל האָט זיך נאָר וואָס אויסגעפּשרט פון דער וואָכעדיקייט. אין די שטיבלעך זענען די דילן אויסגעשפּרייט מיט צעריסענע זעק. אין אייניקע הייזער איז אויסגעשאָטן מיט געלן זאַמד, מיט שפּאַליעס.

פון די מיידלשע קעפּ שלאָגט אַ וואַרעמקייט, פון די ברוסטלעך — אַן אָנגענעמער ריח. די אויוונס זענען פאַרקלאַפּט מיט טיכער און מיט ברעטער,—די היץ פון מאָרגנדיקן טשאָלנט זאָל, חלילה, נישט אַרויס.

די בודלעך זענען געשלאָסן. קונים לאָזט מען אַריין דורך דער הינטער-טיר. יידישע גיט מען „אויף נישט צום פאַרגעסן”... קריסטלעכע — לייגן אַרונטער די מטבע אונטערן טישטוך...

פון די ווענט קוקט אַראָפּ אַן אָרעמע יום-טובדיקייט: דאָס נאַפּט-לעמפּל, כאָטש עס ברענט העכער ווי שטענדיק, דערמאָנט אָן דעם וואָכעדיקן טערפּעטין און באַלאָנעס... און נאָך איידער מען צינדט עס אָן, נאָגט שוין דער געפיל, אַז

מער ווי ביז צען אַזייגער וועט עס נישט ברענען, און נאָכהער וועט מען דאַרפן טאַפּן אין דער פינסטער...

די עלטערע מענטשן זענען מיד און פאַלן אַוועק שלאָפן. די יינגערע „לייגן זיך צו" אויף שטרויענע קושעטקעס און קייקלען-אויס די אויסגעפּאַשעטע בייכער פון לאָקשן, ביזן שפּאַצירגאַנג.

אינדרויסן קייקלט זיך אַ רונדע לבנה. אויף בריקלעך זעען זיך די ערשטע שפּאַצירער פונם אָוונט. אייניקע געאָרעמטע פּאָר-לעך וויגן זיך איבער דער בריק. פון אַ חורבה לאָזט זיך אַרויס אַ גרופּקע לוסטיקע קינדער — דאָס זענען מיר. איינער גיט אַ קאָמאַנדע: חברה, לאָמיר צוגיין צו פּאַלעצקיכן אונטערן פענסטער!

— קומט!

— לאָמיר!

* *
*

פּאַלעצקיכע איז אַן עלטערע גויע. אָבער די עלטערע בחורים פון שטעטל קומען נאָך צו איר.

— „פרייטיק-צו-נאַכט איז אַ מצווה — טענהט בערקע, אַ יונג מיט ביינער, פירנדיק אַהין מיט זיך גאַנצע באַנדעס, — און פּאַלעצקיכע—גיט ער צו בשעת-מעשה—איז שטאַרק געניג, זי וועט אויסהאַלטן... אַז זי האָט געקענט אויסהאַלטן די דייטשע דראַגונער, וועט זי אַזוינע „הערינגלעך" געוויס אויסהאַלטן"...

„הערינגלעך" — ווייזט בערקע אויף די בחורים, וואָס זע-נען מיט אים. זיך נעמט ער אַרויס פון כלל... „הערינגלעך" איז פאַר אים געוואָרן אַן אָנגענעמער אויסדרוק, זינט ער האָט

פאַר זיי באַוויזן אַ העלדישקייט און אַרומגעפּלאָכטן אַ האַלב טוץ הערינג אַרום די פינגער פון האַנט, ווי מען פּלעכט אַ קאָרב. זינט דאַן האָט ביי אים דאָס וואָרט הערינג באַקומען דעם באַגריף „הערינגלעך”...

מער פּאָר אַלעמען איז אויפגעטראָגן מיט פּאַלעצקיכען בערקע. אַז ער קומט צוגיין, לעבט ממש-אויף איר שטיבל: מיט עפּל, מיט באַרנעס, און קיין קליינגעלט פעלט אויך נישט...

מיר ווייסן שוין גענוי די צייט און וואַרטן ביז די גרויסע הויבן אָן צו גיין... דאַן פאַרגנבען מיר זיך הינטער דער טיר, קוקן דורכן לעכל פון שליסל, שיסן פּלוצים אויס אין אַ געלעכטער און צעלויפן זיך ווי מייז.

און ווען פּאַלעצקיכע גייט אַרויס צו אונז מיט אַ הייסע קוואָרט וואַסער — זענען מיר שוין פון דער אַנדערער זייט שטאָט; דרייען זיך און דרייען פאַר געלעכטער...

*　　*
*

דאָס איז געווען זומער: דער „טואַלעטניק” איז פול געווען מיט מענטשן. באַלעבאַטישע קינדער זענען אומגעלאָפן מיט פּיל-קעס, זיך געשפּילט אין פערדלעך, אין באַהעלטעניש. דערוואַק-סענע האָבן זיך געפּלאָשקעט אין טייך, זיך פאַרמאָסטן אין שווי-מען, געלייגט „קלאַפּטער”, געמאַכט נורקעס און געשווומען אין לאַנגע רייען, ווי ווילדע גענז, צו די מיידלעך...

די מיידלעך האָבן געקוויטשעט, זיך געזידלט און באַין-ברירה זיך אַראָפּגעזעצט אין וואַסער, אויסצובאַהאַלטן זייער נאַקעטקייט.

אין די קוסטעס, אויף דער צווייטער זייט, קעגנאיבער די מיידלעך, זענען געלעגן אויסגעלייגט שוואַכערע שווימער, וואָס האָבן נאָר געקענט אַריבערשווימען דעם טייך אין דער ברייט און די איבעריקע שטרעקע פלעגן זיי צולויפן צופוס — געלעגן און געהיט, ווען די מיידלעך גייען אַרויס פון טייך...

מיר האָבן זיך אַרומגעדרייט פון איין קופּקעלע זאַכן צו דער צווייטער; פאַרקניפּט אַן אַרבל אין אַ העמד, באַהאַלטן אַ פּאָר הויזן, פאַרביטן די רעקלעך פון איין קופּקע אין דער צווייטער און זיך פריילעך געמאַכט איבער די מיידלעך, וואָס זענען געגאַנגען זיך באָדן, מיט אָפּגעדרייטע צעפּ און מיט בייגלען קאָרקעס אונטער די אָרעמס. מיר האָבן געטריבן אויף זיי די געפּענטעטע פערד, וואָס האָבן זיך געפּיטערט דערביי — די פערד האָבן זיך געשטעלט אויף די הינטערשטע פיס, און ווידער אַראָפּגעפאַלן מיטן קאָפּ צום גראָז. די מיידלעך האָבן געקוויטשעט און אַנטלאָפן — — —

מיר זענען געווען גאַנץ היימיש מיט די פערד. האָבן זיי געבאָדן אין דעם זעלבן אָרט, ווו די מענטשן באָדן זיך. מאַנכע פערד זענען געווען ווונדיקע, קרעציקע, אָבער קיינער האָט זיך וועגן דעם נישט געקימערט. מ'האָט זיך געוווּנדערט, ווי מיר קונצן זיך איבער זיי אינמיטן טייך, שפּרינגען אַרויף און אַראָפּ, ווי אויף אַ בענקל.

* * *

אַלע זענען שוין געווען פאַנאַנדערגעגאַנגען פון „טואַלעטניק". אַ קיל ווינטל האָט דאָ אָנגעטראָגן פון דער „נעוויאַזשע". הינטערן שטעטל האָט זיך אַראָפּגעזעצט די זון. איר עלעצטע שטראַלן

זענען געפאַלן אויף די קעפּ פון די העכערע זאַנגען. אויף וועגן האָט זיך אָפּגעזעצט דער שטויב, און אויףביימער האָבן שוין געגעסטיקט די פויגלען.

פויערשע פורן האָבן שוין לאַנג פאַרלאָזן דאָס שטעטל, און אוודאי געשטאַנען ביי די טויערן פון זייערע הייזער. די „מאַ-זשניצעס״ דזשעגעכץ, וואָס האָבן זיך נאָכגעבאָלדערט ביים עק פור, האָבן שוין איצט גערוט, טאַקע ווי נאָך אַ שווערע רנסיעה, און די פויערן גופא האָבן מיט געזאַנג פון לעצטע „דאַינאָס״ אויף זייערע פאַרטריקנטע ליפּן געשמייכלט צו זייער באַלע-באַטישקייט.

מיר האָבן זיך אומגעדרייט אין די גאַסן, און געזוכט עמעצן צום פאַרטשעפּען — געזוכט ווי אונטער דער ערד. נאָכ-הער האָבן מיר זיך געלאָזט צום „טואַלעטניק״, צוריקצוברענגען די אויסגעפּאַשעטע פערד פאַר די באַלעבאַטים. אָבער באַלד האָט מען אונז געקענט זען לויפנדיק צוריק צום שטעטל מיט קולות און געפילדער, געלאָפן און דערציילט יעדן פאַרבייגייער:

— דעם שמשס טאָכטער שלאָפט אַ נאַקעטע אויפן גראָז.

— ווי אַ געצעקע ליגט זי: די פיס פאַרדרייט — — — —

— אַי ס׳אַראַ ברוסטן!

— אַי ס׳אַראַ פולקעס!

דאָס איז געווען יענעם זומער. און זינט דאַן איז פאַר מיר איינגאַנצן פאַרשוואונדן דאָס ראָמאַנטישע וועגן אַ פרויען-קערפּער. די צעבראָכנקייט פון איר פיגור, די בולטע טיילן פון איר קערפּער האָט, אָנשטאָט רייץ, אַרויסגערופן ביי מיר עקל. מיטאַמאָל האָט זיך מיין גאַנצע רייצנדיקע פאַנטאַזיע געביטן. דאָס ווירקלעכע באַגעגעניש מיט אַ נאַקעטער פרויען-פיגור האָט מיך אַנטוישט, האָט אַריינגעטראָגן אַ גרויסע ענדערונג אין מיין לעבן.

די שמועסן וועגן פרויען, וואָס האָבן פריער אויסגעפילט אונזערע מוחות, האָבן מיך אויפגעהערט צו אינטערעסירן. כ'האָב אָנגעהויבן נאָכקלערן און נאָכקאָנטראָלירן מיינע טאַטן. כ'האָב דערפילט, אַז עפּעס פעלט מיר, אַז ס'איז פּוסט, אַז ס'איז מיר אומעטיק אַפילו דאַן, ווען איך לאַך — — — איך האָב אויך דערפילט אַן עקל צו זיך גופא און אַן אינערלעכן דראַנג צום פאַרלאָזן מיין סביבה, צו לויפן, פליען — צו אַנטלויפן פון זיך און פון אַלעמען!...

* *

*

שעהן-לאַנג קוק איך דורכן פענסטער. מיינע אויגן שפּרייזן איבער ציגלנע קימענס, חרובע הייזקעס, רוישיקן טייכל, בערגלדיקע פעלדער — אַזש צו דעם פלאַץ, ווו דער הימל, זון און ערד באַהעפטן זיך צוזאַמען... דאָרטן בלייבט מיין בליק הענגען, ווי דאָס וואָלט געווען דער פלאַץ, ווו עס האָט זיך אָפּגעשפּילט מיין פאַרלוירענע קינדהייט.

דאָס טייכל, דער וואַלד — מיין אַמאָל; בערגלדיקע פעלדער, בלוטיקע זון — דער קריג; חרובע הייזקעס, בלייכע שאָטנס, גראָע פאַרנאַכטן — מיין היינט... מיין היינט, וואָס איז פול אויף יעדן שריט און טריט מיט אומעט, מרה-שחורה, אויסגעביינערטע געשטאַלטן, לעבעדיקע טויטע, יונגעטשקע אַלטקייט — אָן הענט, אָן פיס, מיט קוליעס און שפּאַרונעס, וואָס קייקלען זיך אין קרעמפּן און קענען אויף זיך דעם טויט נישט דערבעטן...

מיין היינט? —

ווער קען אים נישט, ווער פילט אים נישט!...

אין גרויע פארנאכטן אַזוינע מישן זיך אויס מיינע גע־דאנקען מיט די מעלאָדישע קלאַנגען פון קלויסטער־גלאָקן, וואָס קלאַפּן אָן די ווענטלעך פון מיין האַרצן און פראַלן־אויף די טויערן פון נאַר־וואָס פארגאַנגענע צייטן; לאַנגע פרומען פראָ־צעסיעס מיט צלמים אין די הענט, מיט סאַמעטענע זשופּעצעס, מיט קרוינען און ווייררויך־שטאַנגען, מיט באַסאָווע בלעקעכצן אויף די ליפּן נאָך הילף קעגן די באָלשעוויקעס און קעגן די „פּאַר־שיווצעס”, די זשידעס...

— און נאַכהער?

נאַכהער פּאָגראָמען...

שטיל זיץ איך ביים פענסטער, דעם אָטעם איינגעהאַלטן, און קוק מיט שטאַרע אויגן אין ווייטן חלל, און קלער טאָג־איין טאָג־אויס וועגן דעם אייגענעם גורל און דעם גורל פון אַזוינע ווי איך...

די טעג זענען אַן אָנשיקעניש, די נעכט — אַ פּלאָג. ווען ס׳איז ליכטיק, זע איך גוססע געשטאַלטן, און איך פיל, ווי זיי זענען איינגאַנצן אויסגעפוילט, קוים וואָס זיי האַלטן זיך. זייער בלוטלאָז פליש האַלט זיי צונויף ווי די געקנייטשטע קאָרע אַרום אַן אויסגעפוילטן בוים. ווען ס׳איז פינסטער, הער איך דאָס סקריפּען פון ליידיקע בעטלעך, און דאָס שאָרשקען פון שטרויענע שעניקעס,—פון מידע גופים, וואָס פאַרפּעשטשען די פינסטערניש מיט טיפע זיפצן...

— מיין היינט!...

* *
*

די יאָרן האָבן מיך אויסגעצויגן אין אַ לאַנגן מענטשן, אָנגעשטאָפּט מיט ליידן, מיט הונגער און מיט אומעטיקע מעת-לעתן. דער גאָענטער עבר האָט אויסגעזען ווי אַ זאַך פון היינט און נעכטן: די איבערלעבענישן זענען נאָך געווען פריש אין זכרון — ווי אייטערנדיקע ווונדן...

דאָס גאַנצע שטעטל האָט זיך פאַרגעשטעלט אַ מצבה נאָך דעם פאַרלוירענעם... אפילו די נייע הייזער, וואָס האָבן אין זיך אַריינגעפלאָכטן לאַנגע שמעקנדיקע יאַדלאָווע ביימער, האָבן דערמאָנט אָן די אָפּגעקירצטע יאָרן... עס איז אַלעמען געווען שווער אויפן האַרצן. דאָס אַוועקגעגאַנגענע האָט געפּרעסט אויף דער נשמה און נישט געלאָזט פריי אָפּאָטעמען און גיין פריי און מונטער צום נייעם לעבן...

ס'האָט זיך געדוכט: ברוגזע בלאָנקען אום די מענטשן, — ברוגזע אויף זיך, אויף דער גאַנצער וועלט.

זייערע פאַרכמורעטע פּנימער, זייערע פאַרלאָשענע אויגן — וואָס האָבן זיי דערמאָנט? —

קריג, קריג, קריג.

* *
*

אַ פאַרוווירטער האָב איך זיך אומגעשלעפּט איינער אַליין איבער די גאַסן. איך האָב אַליין נישט געוווּסט, וואָס איך וויל. אומגעבלאָנקעט ווי אַ מענטש פון יענער וועלט, ווי אַ מענטש,

וואָס האָט זיך אַרויסגעריסן פון די נעגל פון טויט — אַזוי האָב איך אַרומגעבלאָנקעט אָן חברים און אָן פריינט איבער די חורבות פון לעבן, געטריבן ווי אַ משוגענער הונט, פון איין אָרט צום צווייטן, מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ, צעפּאַטלטע האָר און——— געזוכט די פאַרלוירענע יאָרן.

דער גאַנצער אַרום האָט געשטיקט מיט שווערע, דריקנדיקע לאַסטן. אין שטוב זענען געווען אָפן אַלטע און בייע ווונדן. אַ גריל האָט געגרילצט פון צווישן די ווענט. ברויט איז נאָך אַלץ געווען אַ פראַגע פון טאָג. יעדער ביסן איז געווען פאַרבונדן מיט שווערער פּראַצע און אויסגעווייקטע זיפצן... איך האָב עס געפילט, געפילט מיט אַלע מיינע חושים, און זיך געוואָרגן מיט יעדן ביסן, — געשלונגען טרוקענעם ברויט מיט נאַסע טרערן...

שווער איז אָנגעקומען דאָס בעטן ביי דער מאַמען „עסן“. כ'האָב שוין געוווסט איר ענטפער פאָרויס: „נאַ, שנייד אָפּ פון מיר אַ שטיק פלייש און עס!“... און באַלד פלעגן אירע מוטער-לעכע געפילן זיך צעוואַרעמען, זי פלעגט גלייך חרטה האָבן פאַר איר פאַרדרוס, פאַר אירע פאָרווורפן, און אין אַ מילדן טאָן אַ זאָג טון: „אויפן עלמערל ליגט אַ שטיקל ברויט, — לאָז אַ ברעקל פאַר די קינדער“...

איך בין געלאָפן פון שטוב — געלאָפן אויף דער גאַס אויף די גאַס איז פול געווען מיט אירע פרישע, נישט-פאַרהיילטע ווונדן; אירע רואינען האָבן זיך אָפּגעזעצט אין מיינע בלוטן — און די לעבעדיקע טויטע, וואָס האָבן, ווי איך, פאַרשפּילט זייער קינדהייט, זייער יוגנט און זייער עלטער, האָבן מיט זייערע בליקן, מיט זייערע אויסגעאָדערטע גופים, אויסגעטריקנטע ליפּן און שאָטנדיקע האָפענונגען — געטראָפן אין מיין צעוווּנדיקט האַרץ, ווי קוילן, וואָס צעפלאַצן זיך איבערן גוף מיט זייער גיפט,

און מאַטערן און טרײַבן צו משוגעת, צו פּײַנלעכע יסורים, קינדהײט...

װער עס פילט עס דורך װײטיק און פּײַן און פאַרשפּילט עס מיטן ערשטן שמײכל אויף די ליפּן, און װער עס פילט עס דורך פרײדיקע טעג, זוניקע פרימאָרגנס, אויסגעװאַרעמטער שויס...

* *
*

א תכלית, אַ תכלית פאַר דיר! — האָט די מאַמע געגומען אײַנטעגהן מיט מיר — אָבער צו װעמען זאָל מען דיר אװעק־געבן? — מען װאָלט דיך געקענט שיקן אין שטאָט לערנען, װאָלט געװען די גלײַכסטע זאַך... אָבער מיט װאָס? — מיט מײַנע צרות?"...—אַזױ האָט די מאַמע גערעדט צו מיר, װען איך בין מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ געזעסן אויף דער האַרטער טאַבו־רעטקע בײַם סקריפּענדיקן טישל.

איך האָב געשװיגן. װאָס האָב איך דאַן געקענט איר ענטפערן? איך האָב פאַרנומען דער מאַמעס װערטער און נישט געװאָלט רעדן, נאָר רויק זיצן אַזױ און שװײגן, און פילן די מאַמעס רײד, װאָס טרעפן מיך װי גרויסע טראָפּנס רעגן... רויק זיצן און איבערלעבן אַלץ אין זיך... נאָך יעדעס װאָרט אירן, װאָלט זיך מיר װעלן פאַלן צו אירע אײַנגעפאַלענע באַקן און אויסגעװײנטע אויגן און קושן זײ, באַנעצן זײ מיט מײַנע װאַרעמע טרערן, װאָס װעלן דאַן שטראָמען פון מײַנע רױשיקע בלוטן און זאָגן איר, און שעפּטשען אינדערשטיל: „מאַ—מע. מאַמע — װאָלט איך זאָגן — מיט װאָס בין איך שולדיק אין אַלע דײַנע לײדן, מיט װאָס?"...

און דאַן זיך אַראָפּלאָזן צו אירע קני, און ווי אַ קינד איינטוליען מיינע פייכטע אויגן אין זיי, און כליפּען:

— טו מיט מיר, וואָס דו ווילסט! שיק מיר ווו דו ווילסט! איך וועל אַלץ טון פאַר דיר!

— לערנען? — וועל איך לערנען.

— אַרבעטן? — וועל איך אַרבעטן.

— אַ שטאָט? — שיק מיר אין אַ שטאָט, און איך וועל גיין פון טיר צו טיר און איך וועל בעטן: „גיט מיר אַרבעט, גיט מיר אַרבעט!"...

אָבער ניין, איצט וויל איך שווייגן, איצט קען איך דער מאַמען גאָרנישט זאָגן. איצט וויל איך אַלץ רויק איבערלעבן אין זיך, ביז עס קומט עפּעס אַ כוואַליע און טוט מיך אַ הויב פון מיין אָרט, און טרייבט מיך, און טרייבט איבער גאַסן, איבער געסלעך, פאַרביי פויערשע כאַטקעס צום פוסטן סטעפּ, — און דאָרטן שפּיגל איך זיך אַ פאַרחלומטער אין דער פאַר־גייענדיקער זון, וואָס האַלט שוין אין זאָגן איר לעצטן זיי־געזונט... דאָרטן, אין גרויען פאַרנאַכט, ווילט זיך מיר פאַלן אויף וואָרצלען פון אָפּגעשווירענע פעלדער, און פילן, ווי דער סוף פון טאָג מישט זיך אויס מיט דעם סוף פון פאַרגייענ־דיקע לעבנס...

...און דאָרט הינטערן שטעטל ווילט זיך נעכטיקן אויף דער האַרטער ערד, און קלערן, קלערן פונדאָסניי וועגן דעם, ווי אַזוי איך געפין זיך איצט אויף דער האַרטער ערד אַליין — — — קלערן פון די חדר־טעג, וואָס שטייען שוין לאַנג הינטער מיר, פון די ברידער, וואָס קוויקן זיך מיט די געדאַנ־קען צו וואַנדערן צוריק, און וועגן זיך אַליין, וואָס שטייט איצט אויף דער שוועל פון נייע וואָגלונגען... און אַזוי, אין שאָטן

פון דרעמלענריקע מחשבות, קלער איך, אַז אײגנטלעך זענען מיר געלאָפן פון רוסלאַנד צו זוכן גליק און רו — דאָ אין שטעטל...
און איצט — װידער אויף נײַע װעגן? װידער זוכן נײַע גליקן?
...און אויף מאָרגן, בײַם אויפכאַפּן זיך — אַ זילבער-טוי אויף בײמלעך און גרינע גראָזן, און אויף צװײַגן פון קוסטעס װיגן זיך שפּיל-פײגעלעך מיט זײערע טרילן, און אַ קופּער-צעפלאַמטע זון קריכט אַרויס חבלה-לידהדיק פון איר באַהעלטעניש, װי אַן ערשטלינג בײַ זײַן מוטער, און לעקט אָפּ דעם פרישן טוי פון די גראָזן און די פאַרגליװערטע נאַכט-טרער פון מײַנע אויגן...
אַ נײַע כװאַליע טוט אַ זעץ אין מײַנע בלוטן!... עפּעס פיל איך אין זיך נײַעס, און װײס אַלײן דעם באַשײד דערפון.

*

*

נישט זעלטן טרײַבן מיך דער מאַמעס רײד פון אײן װינקל שטוב צום צװײטן. נישט זעלטן יאָגן זײ מיך, װי דער אָקס, װאָס יאָגט דעם מענטשן אינם קאַמפּס-רינג. זײ פאַרװונדן, װי מיט שטעכיקע דערנער, מײַן לײַב...
און נישט אײנמאָל האָבן אירע רײד געשטויסן מיך צו נעמען אַ מעסער אין די הענט און שפּיגלען זיך אין זײַן שאַרף.
אָפטמאָל פאַרטרײַבן זײ מיך צום בריק, און שעהן-לאַנג האַלט איך מיך אויף זײַן דעק. איך שפּאַן אַרום פון אײן ברעג צו דעם צװײטן — און שפּיגל זיך אינם פליסיקן װאַסער, און קען נישט באַשליסן צװישן לעבן און טויט...
און װאָס אײגנטלעך האָב איך דען געהאַט צו פאַרלירן?...

— אַז אַלץ האָב איך שוין לאַנג פאַרלוירן... און געבליבן איז בלויז אַ הייפל ביינער און אַ בינטל נערוון, וואָס הערן יעדן טאָג די זעלבע רייד: „אַ תכלית, אַ תכלית"... „וואָלסט עפּעס געטון"... „ביי לייטן אַזאַ יונג!..."

...און ווער ווייס? מעגלעך, כ'וואָלט שוין לאַנג אָוועקגעשיקט דאָס לעבן מיינס מיטן שטראָם, ווען נישט יענער פאַר־נאַכט, וואָס האָט אָנגעצונדן אין מיר נייע ליכטער און געגעבן מיין גאַנצן לעבן אַ נייעם זין, — ווען נישט יענער פאַרנאַכט, וואָס האָט מיך, אַ באָדנלאָזן יינגל, אָנגעפּולט מיט נייע האָפ־נונגען...

* *

*

אויף די גאַסן האָט זיך געטריקנט אַ לייכטע בלאָטע. אַ מילדע זון האָט זיך געשפּיגלט אויף דעכער פון הייזער, זיך פאַרקליבן דורך די שייבלעך אין די הייזקעס און דאָרט אָנגע־זאָגט די בשורה פון פרילינג.

דער טייך האָט אָוועקגעשווענקט די לעצטע אייז־קריעס, און אויף געהעפטן האָבן ווייבער געראַמט דעם חמץ, זיך גע־גרייט צום פרילינגדיקן פסח.

קופּקעסווייז זענען געשטאַנען יידן און עפּעס אַרויסגע־לייענט פון קליינע בלעטלעך.

יידן זענען זיך געשטאַנען אונטערגעשפּאַרט אויף זייערע שטעקלעך, און זייערע העלזער אַרומגעוויקלט מיט לייכטע וואָ־לענע שאַלקעס, מ'זאָל נישט כאַפּן קיין „צוג אין די איבער־גאַנגס־צייטן"... מען האָט געלייענט פון די בלעטלעך, וואָס

יידן לייענען די בלעטלעך

מ'האָט געפונען אָנגעוואָרפן אין די געהעפטן, איבערן גאַנצן שטעטל, און שטיל געשמועסט וועגן זיי.

דער פּריסטאַוו פון שטעטל האָט זיך דאַסמאָל, מער ווי שטענדיק, געוויזן אין די גאַסן מיט זיינע אָנגעצויגענע בגדים. מיטן בליסטיק אין האַנט. ער האָט שפּאַצירט מיט אַ פאַרריסע־נעם קאָפּ, און מיט אַ חשדעוודיקן בליק אָפּגעמאָסטן יעדערן באַ־זונדער. די יידן האָבן זיך געשראָקן, פאַרצויגן גלייך אַן אַנדער שמועס, און ווי נאָר ער איז אַוועק, גלייך ווידער אַריבערגע־גאַנגען צום אינהאַלט פון די בלעטלעך...

איך האָב זיך געפּלאָנטערט אַרום די קופּקעס יידן, גע־שלונגען זייערע רייד, און אויפהויבנדיק אַ „בלעטעלע", אַוועק־געלאָפן אַהיים, זיך פאַרבאַהאַלטן אין שטוב, און מיט אַ פאַר־כאַפּטן אָטעם געזומען לייענען.

* *
*

פאַרוואָס האָב איך וועגן דעם פריער נישט געטראַכט?

— פאַרוואָס האָב איך די סיבה פון מיינע ליידן קיינ־מאָל טיפער נישט געזוכט, און פאַרוואָס האָב איך געזען מיין שונא אין דער אומשולדיקער מאַמען, וואָס פאַרלאַנגט פון מיר אַ תכלית — פאַרוואָס?

— פאַרוואָס האָב איך זיך קיינמאָל פריער נישט פאַר־טראַכט וועגן די סיבות פון מיינע ליידן. די ליידן פון מיר און פון טויזנטער און הונדערטער טויזנטער, ווי איך — — — פאַרוואָס?!

פאַרוואָס זענען אונזערע יאָרן אַזוי גרוי געווען, און אונזער שכל אַזוי קורץ, דאַן ווען דאָס לעבן האָט זיך געראַנגלט

פאַר אונזער צוקונפט, געפאָדערט אונזער בלוט! אין יענע צייט האָבן מיר, הפקרדיק, זיך איבערגעגעבן דעם פינסטערן גורל, וואָס האָט זינלאָז צעבערעקלט אונזערע טעג, צעריבן אונזער לעבן?

— און איצט?

איצט שלינג איך יעדעס וואָרט, וואָס רייסט אונז מיט מיט לעצטע גסיסה-כוחות און לעצטע רויטקייטן אין באַקן צו אַ נייַ לעבן, צו אַ נייַ לאַנד, צום לאַנד, ווו קינדער-עלנט ווערט אויסגעביטן אויף פרייד.

— און איצט?

איצט פיל איך, אַז די לעצטע שעהן פון פאַרבייגייענדיקע לעבנס זענען אָנגעפולט מיט מוט, מיט האָפנונגען, מיט קאַמף!

אַ שאָד אָבער, וואָס פאַר אונז איז געקומען די זון אַזוי שפעט... אַ שאָד, וואָס די שיין פונם נייעם לעבן איז געקומען, ווען יונגערהייט שקיעהט שוין מיין לעבן...

אַ שאָד, אַ שאָד, און טויזנט מאָל אַ שאָד!